זיך, אַז ווען זי וועט קומען צום טאַטן, וועט ער איר גלעטן דעם קאָפּ און זי וועט שאָקלען מיט די אויערן, וועט תיכף־ומיד דאָס שטיקל פּאַפּיר איר אַרויס־פאַלן פון אויער. דער טאַטע וועט עס גלייך אויפהייבן און איבערלייענען וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן און אָנכאַפּן דעם פאָדעם און גיין מיט איר קיין ארץ־ישראל.

די ציג האָט זיך טאַקע אומגעקערט צום זקן, אָבער מיט די אויערן האָט זי נישט געשאָקלט און דאָס שטיקל פּאַפּיר איז נישט אַרויסגעפאַלן. ווי דער זקן האָט דערזען, אַז די ציג איז דאָ צוריק, נאָר זיין זון איז נישטאָ, האָט ער זיך גענומען שלאָגן אין קאָפּ און שרייען און וויינען און קלאָגן, מיין זון, מיין זון, וואו ביסטו? הלואי וואָלט איך געשטאָרבן אויף דיין אָרט, מיין זון, מיין זון! האָט געוויינט און געטרויערט אויף זיין זון, וואָרום ער האָט געמיינט, אַז אַ חיה־רעה האָט אים אויפגעפרעסן, פאַרצוקט פאַרצוקט איז געוואָרן מיין זון. און האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן, נאָר האָט געזאָגט, איך וועל אַראָפּנידערן צו מיין זון מיט קומער אין קבר אַריין. און יעדעס מאָל ער האָט געזעען די ציג האָט ער געזאָגט, ווי איז דעם טאַטן, וואָס האָט פאַרטריבן זיין קינד און ווי איז צו איר, דורך וועמען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון דער וועלט! און דאָס געמיט פון אָט דעם זקן האָט זיך נישט בארואיקט ביז ער האָט נישט געלאָזט רופן דעם שוחט זי צו שחטן. איז געקומען דער שוחט און געשחטן די ציג. ווען מען האָט איר אָפּגעשונדן די פעל איז דאָס פּאַפּירל איר אַרויסגעפאַלן פון אויער. דער זקן האָט גענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר און געזאָגט, עס איז מיין זונס האַנט־שריפט. און האָט איבערגעלייענט אַלץ וואָס דער זון האָט צו אים געשריבן. ער האָט זיך גענומען שלאָגן אין קאָפּ אַריין און וויינען, ווי, ווי, אוי איז דעם מענטש, וואָס האָט מיט די אייגענע הענט אַ תל געמאַכט פון זיין מזל און אוי איז דעם מענטש, וואָס האָט אָפּגעצאָלט מיט אַ רעה פאַר אַ טובה! האָט געטרויערט פיל טעג אויף דער ציג און נישט געוואָלט זיך לאָזן טרייסטן, זאָגנדיק, אוי איז מיר, וואָס האָב געקענט מיט איין שפרונג עולה זיין קיין ארץ־ישראל און אַצונד וועל איך מוזן אָפּפינסטערן מיינע טעג אין אָט דעם גלות!

פון דעמאָלט אָן איז דאָס מויל פון דער הייל פאַרהוילן פון אויג, און קיין קורצער וועג איז שוין נישטאָ. און אָט יענער בחור, אויב ער איז נישט געשטאָרבן, שפּאַצט נאָך אין גראָער עלטער, פעט און צווייגהאַפטיק, אין לאַנד פון לעבן, רואיק און שלווהדיק.

פון עברית איבערזעצט, א. אלמוג

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־**
**מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

## ווערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“

267

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 1 (העפט 421) אַכט און צוואַנציקסטן יאָר יאַנואַר 1967 לאָנדאָן


אינהאַלט:


אַכט און צוואַנציקער יאָר יאָרגאַנג „לשון און לעבן“, ש. ל. קרעדיטאָר ע.ה.,
שוין איבער פינף יאָר ........ ** 1
ש. ל. קרעדיטאָר, ז״ל ........ ש. י. האַרענדאָרף 2
לעיעלעס ........ יוסף לעפטאָוויטש 3
נוי־יאָרק און איך (ליד) ........ א. לעיעלעס 11
מיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ צום פריינט אין פּעטערבורג (הומאָרעסקע)
משה בעקערמאַן 11
צום מלך שאול (פּאָעמאַ) ........ מנחם שטערן 13
איך רעכן (ליד) ........ שמואל וואָהייט 14
בענקשאַפט, מיט זון אין מיין האַרץ (לידער) ........ עלאַ זילבערג 14
דער אַריינפאָר און די באַגעגעניש (פּראָזע), אין אַ טבת טאָג, שבט (לידער)
א. נ. שטענצל 15
ראש השנה אין חודש שבט (עסיי) ........ י. ריכטיגער 30
ווו איז דער מענטש ביי לעוויטאַן (פּאָעמאַ) ........ אַרן ווערגעליס 35
צו אַהרן ווערגעליס באַזוך אין לאָנדאָן ........ ש. 36


## יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(בערנער סטר. 33 א.ו. בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 28׳סטן יאַנואַר—צום דער 25סטער יאָרצייט פון די מאַרטירער: אַל־טער און ערלעך. רעדנער מאיר באָגדאַנסקי, ש. בירנבוים, ה. לעווקאָוויטש.

שבת, דעם 4׳טן פעברואַר — אַ פאָרטראָג פון סעם לעוו: די יידיש־וועלטלעכע קולטור. לייענען: מנשה וויסגראָז.

שבת, דעם 11׳טן — אייזעק גאָלדבערג רעציטירן פונם שאַפן פון די לאָנדאָנער יידישער שרייבער. עלע זילבערג וועט לייענען איר לידער.

שבת, דעם 18׳טן — אַ פאָרטראָג פון יעקב ריכטיגער: וואָס מיינט פורים קטן.


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

דר. יעקב מייטליס איז לעצטנס געווען אין פאריז ווו ער האט געהאלטן א פארטראג.

אויף דער שלום־עליכם פייערונג איינגע־ארדנט פון דער קולטור־געזעלשאפט ביי דער פועלי־ציון האבן זיך באטייליקט מיט רעדעס מאיר גערטנער און י. ח. קלינגער. יידל גאלדבערג האט זיך באטייליקט מיט רעציטאציעס און קורצע דערציילונגען מיט וועלכע ער האט זייער אויסגענומען ביים עולם. דעם פארזיץ האט געפירט חיים פינער.

אין רידינג־רום לעצטן זונטיק א פארטראג פון א. נ. שטענצל דאס שאפן פון מענדעלע מוכר ספרים. דעם פארזיץ האט געפירט עלא זילבערג.

אין רעקס־הויז האט די ציוניסטישע אר־גאניזאציע אנגעהאלטן אן הזכרה נאך הרב דר. יוסף ליטווין.

אויף דער פייערונג לכבוד דעם דערשיינע־נעם בוך „יידן אין ענגלאנד" איינגעארד פון ייווא און יידישן וועלט קאנגרעס האט הרב דר. ישראל ברוידע געפירט דעם פארזיץ.

מאיר צעלניקער באטייליקט זיך מיט א הויפט, ראלע אין א פילם וואס איז געדרייט געווארן אין יוגאסלאוויע און אונגארן, דער פילם וועט בקרוב דערשיינען.

אויפן קול ישראל פון ראדיא אין תל־אביב האט מען לעצטנס געהערט לייענען מאיר צעלניקערן א הומארעסקע פון א. מ. קייזער און „מאי־קמשמע־לן" פון אברהם רייזין, געזונגען פון יידל גאלדבערג.

אויף דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג איינגעארדנט פון שרייבער־פאראיין און יידי־שן וועלט־קאנגרעס, האט שמואל ראזשאנס־קי, געהאלטן א וויכטיקן און אויספירלעכן רעפעראט איבער יידישן יישוב אין ארגענ־טינע. דער חשובער גאסט איז באגריסט גע־ווארן פון חברים. דעם פארזיץ האט געפירט ש. י. הארענדארף, דער באקאנטער שרייבער שמואל ראזשאנסקי האט נאך געוויילט איי־ניקע טעג אין לאנדאן און די אינטרעסן פון פערלאג „די מייסטער פון דער יידישער ליטעראטור".

אין דער לעבעדיקער צייטונג דעם 18'טן דעצעמבער האבן זיך באטייליקט: מיכאל זילבערבערג, יואל צאנג, ש. י. הארענדארף און חיים פינער.

אויפן שבת נאכמיטאג לכבוד דעם 50'סטן יארצייט פון מענדעלע מוכר־ספרים האבן זיך באטייליקט מיט לייענען פון מענדעלעס ווערק מנשה וייסגראז, נעט רובין און אײ־ויק גאלדבערג. באגדאנסקי האט געזונגען.

ביי א שבת נאכמיטאג זיינען אנגעהאלטן געווארן הזכרות נאך דעם לאנדאנער זקן ה־סופרים י. ל. קרעדיטאר, נאך דעם בארימטן פאעט און שרייבער לעיעלעס־גלאנץ און נאך דער סאוויעטישן פאעט משה טיף.

ביי די שבת נאכמיטאגס האט בעלא ווײ־נער געהאלטן א פארטראג 5 יאר סאוויעטיש היימלאנד און זיין רעדאקטאר דער פאעט ארן ווערגעליס. אייזיק גאלדבערג האט רע־ציטיר דיכטונגען פון די סאוויעטישע

דער יידיש־העברעאישער שרייבער און מלומד משה ווילענסקי געפינט שווער קראנק אין יידישן שפיטאל — מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

חזן ברוך סמוס געפינט זיך אין שפי־טאל — מיר ווינטשן אים באלד געזונט צוווערן.

די אקטריסע עווא זיידמאן געפינט שווער קראנק אין שפיטאל מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

אין דער בארימטער פוילס בוכהאנדלונג, אין טשערינקראס איז אן אויסשטעלונג פונם יינגען יידישן מאלער און סקלופטאר געארג ווייל.

אויפן פאעטן־אונט אין בן־אורי האט מען אויך רעציטירט יידישע פאעמעס איבערגע־זעצט אין ענגליש פון יוסף לעפטוויטש.

דער פעדאגאג ליפע קארן, האט געפינט זיך אין יידישן שפיטאל מיר ווינטשן באלד געזונט צו ווערן.

דאס אקטיארן פאר סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד האבן געהאט א רעציטאציע אונטערן נאמען „שלום פריינט" זייער דער־פאלג איז געווען א גרויסער, זיי גרייטן צו בקרוב א צווייטן אווענט.

אין טוינבי־האל אין דער איסט־ענד אויף דער „פעסטיבל אויף בריטן", האט מען צווישן די רעצטאציעס אויך געליינט פעמעס אין יידיש.

**מיר ווינטשן מזל - טוב** אונזער פריינט **שלום** און **פאלא יאקובאוויטש** צו די תנאים פון זייער טאכטער **לין** מיט **עריק לעווי**. „לשון און לעבן"

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 421) אכט און צוואנציקסטן יאר יאנואר 1967 לאנדאן


## אכט און צוואנציקסטער יארגאנג „לשון און לעבן"

ביים האיאריקן יאנואר־נומער, 1967, צום אכט און צוואנציקסטן (כח) יארגאנג פון „לשון און לעבן" צו שנת כ"ח מעג איך זיכער מאכן די ברכה „הנותן ליעף כח".

אלע יאר, ווען ס'קומען אונטער די ווינטער חדשים, ווערט עס שווער־לעך. האיאר האב איך עס שוין אנגעהויבן צו פילן: שרייבן, רעדאגירן, קארי־גירן, פארקויפן — ס'איז אביסל צופיל פאר איין מענטש.

כ'האב מיך דערמאנט אין א מעשהלע פון ר'דודל טאלנער: אין א שטעטל איז געשטארבן דער מנקר. איז מען געקומען צו ר'דודלען פרעגן: אזוי ווי די קהילה איז ארעם און דער שוחט קאן טרייבערן, זאל מען אפשר יוצא זיין מיטן שוחט?

האט ר'דודל טאלנער געזאגט: אויף איין מענטש ארויפלייגן די גאנצע כשרות, וועט דער שטן האבן ווייניק ארבעט און דאס שטעטל קאן נאך, חלילה, עסן טריפות. אז דער שטן האט פאר זיך צו טון מיט צוויי מענטשן, א מנקר או א שוחט, וועט עס אים שווער אנקומען.

אבער איר זעט דאך. ס'איז דא א נייער נומער „לשון און לעבן", ב"ה, טאקע שוין אביסל פארשפעטיקט, שוין סוף יאנואר, דעם אכט און צוואנציקסטן. וועל איך טאקע זאגן אין גרויסן רבונו־של־עולם: „מה שפגמתי: כח שבכח".

## ש. ל. קרעדיטאר, ע"ה

כ'וועל נאכזאגן מיין מקצת שבחו אחרי מטתו של קרעדיטאר: ווען איך בין אנגעקומען קיין לאנדאן האב איך געדרוקט יעדע וואך א ליד אין „די צייט", ביי משה מייערן. און אזוי ווי כ'בין פארקאכט געווארן אין ווייטשעפל (נאך בערלין), דערלעבנדיק ס'יידישע יידיש־שטעטל דא צום ערשטן מאל, טויזנט און איין שטעטל אינאיינעם גענומען, זיינען די לידער געווען שבתדיקע און יום־טובדיקע, מעניני־דיומא.

קרעדיטאר איז דעמאלט געווען דער רעדאקטאר פון דער אגודה־צייטונג — אייגנטלעך שטיקלעך קאנקורענטן! — קומט ער איינמאל צו מיר צו: „שטענצל, איר מוזט די לידער ארויסגעבן אין א בוך. איך גיי אהין צו ר'ישראל נאראדיצקי און באצאל אים די קאסטן". און אומר ועושה — דאס איז דאס „קיילעכדיקע יאר" מיינס, וואס איז ארויס אין 1939. איניקע וואכן נאך איידער די לעצטע מלחמה האט זיך אנגעהויבן.

דער שרייבער און מלומד, י. ל. קרעדיטאר, איז געווען מיין איינציקער

מעצענאט, צו וועלכן איך האב זוכה געווען אין רייכן מלכות ענגלאנד.

## שוין איבער פינף יאר

ס'איז באמת אומדערהערט! שוין איבער פינף יאר ווי ס'איז אין לאנדאן נישט דערשינען קיין איין יידיש בוך. אין די קליינסטע יידישע ישובים דערשינען ביכער, גרינדן זיך פארלאגן. דער יידישער ישוב אין ארגענטינע איז נישט גרעסער ווי דער ענגלישער, און ס'דערשיינען יעדעס יאר צענדליקער ביכער דארט; און ערשט אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל?

אפילו אין אזעלכע קליינע ישובים ווי דרום־אפריקע, אויסטראליען! און וואו נישט? אין סאוויעטן־רוסלאנד זיינען האיאר דערשינען איניקע ביכער און פארן קומענדיקן גרייטן זיך נאך מער.

און מיר דא? א מכת מדינה — אבער פארוואס מיר לאזן שטערן די היינטיקע שמחה ביים דערשיינען פון יאנואר־נומער „לשון און לעבן", 1967. בעסער מיר צובאמקען דעם „ברוך ד' יום יום.

ש. י. הארענדארף

## ש. ל. קרעדיטאר, ז"ל

ווי א לעבעדיקער שטייט מיר פאר די אויגן דער איידעלער, צארטער ש. ל. קרעדיטאר, ז"ל, דער „לעצטער מאהיקאנער" פון דער יידישער זשורנאליסטיק אין לאנדאן. ווען איך באנוץ דעם דאזיקן אויסדרוק, איז עס ניט לשם מליצה, נייערט אזוי איז פאקטיש דער טרויעריקער מצב. מיטן טויט פון ש. ל. קרעדיטאר, איז אוועק אין דער אייביקייט דער סאמע לעצטער זקן־הסופרים פון דער יידישער שרייבער־משפחה אין ענגלאנד.

ש. ל. קרעדיטאר, וועלכער האט אפגעשטאמט פון א קליין שטעטל אין ליטע, האט דעם גרעסטן טייל פון זיין 91 יאריקן לעבן פארברענגט אין לאנדאן. ער איז געווען דער ערשטער יידישער זשורנאליסט, וואס האט מיטגעארבעט אין די היגע טעגלעכע יידישע צייטונגען, „דער יידישער עקספרעס", דער „יידישער זשורנאל" און אין א צאל וואכנבלעטער און זשורנאלן, וואס זענען מיט א האלבן יארהונדערט צוריק דערשינען אין לאנדאן. קרעדיטאר איז, אזוי צו זאגן, געווען דער לעבעדיקער עדות פון דעם יידישן צייטונגס־יאריד אין ענגלאנד, אין וועלכע ער האט מיטגעארבעט אויף די פארשידנסטע געביטן. דוכט זיך — אזוי צארט, ממש א חליש. אבער ענערגיע האט ער געהאט — פאר א מנין יונגערע פון אים, יידישע זשורנאליסטן.

ער האט ליב געהאט די צייטונגס־פראפעסיע, מיט וועלכער ער איז ממש אויסגעוואקסן. ער האט געשריבן פיינע נאוועלן, אונטער זיין אייגענעם נאמען, און אונטער יתרוס נעמען; ער איז געווען — ווי מען זאגט אויפן צייטונגס־לשון — א זשורנאליסטישער „כל־בו", אויף אלע, אן אויסנאם, געביטן פון דער טעגלעכער צייטונגס ארבעט, וואכנבלאט אדער זשורנאל.

ווען דער שרייבער פון די שורות האט נאך דער מלחמה רעדאקטירט דעם היגן זשורנאל „טעאטער שפיגל", איז ש. ל. קרעדיטאר געווען מיין „צווייטע



האנט". פלעג איך ממש שטוינען, ווי דער דעמולט 70 יאריקער זקן־הסופרים איז געווען א בקי אויך אויפן געביט פון יידישן טעאטער! ער האט געשריבן אין דעם זשורנאל קריטישע אפהאנדלונגען וועגן טעאטער; דערציילט אינטערעסאנטע עפיזאדן פון זיינע באגעגענישן מיט כל־ערליי יידישע „סטארן" און „סטאריכעס", וואס האבן גאסטראלירט אין די לאנדאנער יידישע טעאטערס. קרעדיטאר איז געווען, ווילט זיך זאגן, א מין לעבעדיקע ענציקלאפעדיע — ניט בלויז פון דער יידישער פרעסע, נייערט אויך פון יידישן טעאטער אין לאנדאן.

קרעדיטאר האט ליב געהאט צו פארברענגען אין דער סביבה פון יונגע שרייבער קאלעגן, ווייל ער גופא האט זיך געהאלטן יונג. ער האט בשום־אופן ניט געוואלט, אז מען זאל אים מכבד זיין מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט — ווי א זקן...

איך פלעג באוואונדערן זיין געציקטן כתב־יד פון א מאנוסקריפט, וואס איז געווען ראוי צום דרוק און זיך ניט גענייטיקט אין דער מינדעסטער קארעקטור!

אין די פריערדיקע יארן, איז קרעדיטאר אויך געווען טעטיק, ווי א מדריך אין א היגער תלמיד־תורה. אין די לעצטע יארן, שוין א בן תשעים, איז קרעדיטאר נאך אלץ געווע טעטיק אין דעם היגן וואכנבלאט „די יידישע שטימע" און געשריבן אויף כל־ערליי יידישן געזעלשאפטלעכע טעמעס.

איין און נייינציק יאר איז טאקע א בכבודיקע זיקנה. אבער דער טויט האט זיך ניט" אריינגעפאסט" אינעם לעבן פון ש. קרעדיטאר, וואס האט זיך געהאלטן יונג, און זיינע שמועסן מיט מענטשן האבן געאטעמט מיט יונגקייט.

ס'איז אוועק פון אונדז א זעלטן — ליבער מענטש, פאקטיש דער סאמע — לעצטער פון א יידישן דור, וואס איז מער ניט בנמצא!

כבוד זיין אנדענק!

יוסף לעפטוויטש

## ל ע י ע ל ע ס

אין זומער, 1965, איז אהרן גלאנץ־לעיעלעס געווען עטלעכע וואכן אין לאנדאן, אויפן וועג צוריק קיין ניו־יארק, נאך זיין נסיעה אין ישראל, ווו „ער איז אויפגענומען געווארן מיט כבוד מלכים". אזוי האט דעמאלט דערציילט שטענצל אויפן פראנט פון יענעם נומער „לשון און לעבן", באגריסנדיק „דעם חשובן גאסט". „באטירלעך", האט ער צוגעגעבן, „גרייט זיך דאס יידישע לאנדאן אויפצונעמען אים! מיט ברויט און זאלץ — איז דאך נאך די קליינסטע קהילה אקייגנגעגאנגען א קעניג — ,ומאן מלכו רבנו'!" און דערביי האט ער געמאלדן: „אן עסיי איבער לעיעלעס האבן מיר געבעטן פארן קומענדיקן נומער ביי זיין נאנטן און אלטן פריינט, יוסף לעפטוויטש".

ליידער איז דאס אלץ ניט מקוים געווארן. לעיעלעס איז געקומען קיין לאנדאן, מיט זיין פרוי, סאפי, א קראנקער. אויסגעשעפט פון זיין נסיעה אין ישראל,

אין דעם שרעקלעכן הייסן זומער, און די כאמסינס. איך בין געווען דארטן מיט אים צוזאמען. עס האט מיך אויך אויסגעשעפט. ער איז געווען אן אפיציעלער גאסט פון הסתדרות, און מ׳האט געוואלט ער זאל איבעראל גיין און אלצדינג זען. „ס׳איז געווען", ווי זיין נאנטער חבר אברהם סוצקעווער, וואס איז איבעראל ארומגעפארן מיט אים, האט געשריבן אין „די גאלדענע קייט" אין זיינס א ליד דעם פאעט א לעיעלעס, „דעם גרויסמייסטער פון מאדערנעם יידישן ליד", „זיין ערשטמאליקער באגעגעניש אויג־אויף־אויג מיטן אויסגעבענקטן לאנד".

דערצו האט לעיעלעס געטראפן אין לאנדאן זיין עלטערן ברודער, א תושב דא אסך יארן, מיט זיין גאנצער משפחה דא, קינדער און אייניקלעך, א שווער קראנקן, מיט א ראק — וואס מ׳האט יעדן טאג געמיינט, אז ער שטארבט, און ער איז טאקע באלד געשטארבן. די זעלבע וואך וואס לעיעלעס איז געשטארבן אין ניו־יארק, האט מען אין לאנדאן, אין בושי, געשטעלט די מצבה דעם ברודער. איז נאטירלעך לעיעלעס מיט סאפי ניט געגאנגען וואוינען אין א האטעל, נאר זיי זענען געבליבן ביים קראנקן ברודער אין הויז. קיין געזונט איז אים ניט צוגעקומען דערפון.

האט ער צו קיין קבלת פנים ניט געקענט גיין. איז ער בכלל אינערגעץ אין לאנדאן ניט געגאנגען, כאטש ער האט געבענקט ווידער ארומצוגיין אין די לאנדאנער גאסן, וואס ער האט אמאל אזוי גוט געקענט ווען ער האט געוואוינט ווי א יונגערמאן אין ווייטשעפל און האט שטודירט אין לאנדאנער אוניווערזיטעט, און איז געווען פארקאכט אין ווייטשעפעלער יידיש לעבן, אין די פארטייען, אין זיין טעריטאריאליסטישער פארטיי. (ס׳זענען דאן געווען די יארן פון אוגאנדא). און ער איז געווען אפט ביי ראקערס רעפעראטן אין אנארכיסטישן קלוב אין דזשובילי סטריט.

האט דאך לאנדאן געלאזט אין אים שפורן. „קיין לאנדאן בין איך געקומען א לאדזשער", האט ער געשריבן אין זיינס א ליד. „קיין ניו־יארק — א לאנדאנער לאדזשער". און „לאנדאן לעבט אין מיר מיט פיל־קאלירטער מזל־ברכה. ס׳האט די שטאט באשאנקען מיך מיט וועלט־אטעם און עפעס מער". „לאנדאן, וועלט־פולס, מיין געבערערין די צווייטע".

לעיעלעס האט אפט אין די פיל יארן וואס מיר זענען געווען נאנט גערעדט מיט מיר וועגן יענע יונגע יארן וואס ער האט פארבראכט אין לאנדאן, ווען מיר האבן זיך זיכער געטראפן אין פארשידענע ערטער, ביי ראקערס רעפעראטן זיכער — נאר ער, כאטש נאר מיט דריי יאר עלטער פון מיר איז שוין געווען א דערוואקסענער יונגערמאנטשיק, א שטודענט אין לאנדאנער אוניווערזיטעט, און איך בין נאך געווען א שול־יינגל, ניט לאנג נאך דער בר־מצווה. אבער מיר האבן ביידע געקענט די זעלבע מענטשן, דערמאנט זיך צייטן ווען מיר זענען זיכער געזעסן צוזאמען, גערעדט צוזאמען, געטיילט זיך מיט געדאנקען.

יוגנט־ערינערונגען שלאגן טיפע ווארצלען. מיט א צוויי יאר צוריק אין ווארשע האב איך געטראפן אן אמעריקאנער ייד מיטן נאמען דזשעראם.



געווען א פירער אמאל פון דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי אין יענע יארן פארן היטלער־סטאלין אפמאך, פארן אומקום פון יידישן ווארט און פון די יידישע ווארט־טרעגער אין ראטן־פארבאנד, ווען יידן האב נאך געהאט סימפאטיעס פארן סאוויעטישן רוסלאנד. ער איז אויך געווען א שרייבער מיט טאלאנט. גלאטשטיין האט צו זיין טויט מיט א יאר צוריק געדרוקט א שיינעם עסיי איבער אים אין „קעמפער". האט מיך דער דזשעראם אין ווארשע דערקענט, אז מיר זענען געווען יינגלעך צוזאמען אין ווייטשעפל, אז מיר זענען געווען אין דער זעלבער קלאס אין דער שולע. ער האט דעמאלט ניט געהייסן דזשעראם. זיין אמאליקן נאמען האט ער מיר ניט געוואלט זאגן, נאר מיך האט ער געדענקט און אפילו דערקענט, הערנדיק מיין נאמען, נאך כמעט זעכציק יאר. ער איז ניט לאנג נאך דער שולע געפארן קיין אמעריקע. לייען איך איצט אין דער ווארשעווער „פאלקסשטימע" א דעפעשע פון ניו־יארק: „דער נישטלאנג פארשטארבענער יידיש־אמעריקאנער שרייבער דזשעראם האט איבערגעלאזט א ריי נישט פארעפנטלעכטע ווערק. איצט איז דערשינען דאס בוך ,די פאפירענע בריק׳, וואס דערציילט וועגן דעם אמאליקן יידישן לאנדאן, דעם ארימען ווייטשעפל לאנדאן, ווו דזשעראם האט געלעבט מיט זיינע עלטערן אלס קליין יינגל".

„קיין אמעריקע בין איך געקומען יונג", האט לעיעלעס אונז דערקלערט. און זיינע לאנדאנער יוגנט־איינדרוקן זענען פון אים קיינמאל ניט אוועק. ער האט מיטגעבראכט קיין אמעריקע „א העפטל יידיש־לידער, און אין לייבלעכן באהעפט מיט ענגלאנדס מעכטיק וואונדער־ווארט. די דיכטערס ענגלישע — איך האב זיי געלייענט פרימער ווי א פרומער ייד זיין סידור". און זיינע פלייצעס זענען ביזן סוף פארבליבן ביי אים „מיינע לאדזשער־לאנדאנער־ניו־יארקער פלייצעס".

איז לעיעלעס געווען ווידער אין לאנדאן, אין זומער 1965, אין דעם לאנדאן וואס ער האט אזוי אפט באזונגען, דעם לאנדאן וואס „האט געקנאטן ס׳יונגע לייב פון מיין מערכה". און ער איז געווען קראנק און צעבראכן, און דערשלאגן פון זיין עלטערן ברודערס לעצטע יסורים, וואס ער האט ביי אים אין שטוב געמוזט יעדן טאג צוזען. מיין הויז איז געווען דאס איינציקע, אחוץ זיין ברודער׳ס, ווו ער איז געקומען. און איך בין דארט ביי אים געווען.

איך האב נאך לעיעלעס טויט באקומען א בריוו פון סוצקעווערן. ער איז געווען לעיעלעס׳ס ליבלינג. ער האט זיך פארגליכן צו אים ווי אן עלטערער ברודער — „איך יוסף, ער בנימין". שרייבט מיר סוצקעווער אין דעם בריוו: „איך בין זייער צעבראכן. לייען איך ביינאכט לעיעלעס׳ס הונדערטער און הונדערטער בריוו צו מיר — וואס זענען איין הימן צו פאעזיע און פריינטשאפט. איך ווייס, אז לעיעלעס האט אייך זייער געשאצט און ליב געהאט. זיינען מיר ביידע פאריתומט".

איך האב אויך הונדערטער בריוו פון לעיעלעסן אין לויף פון די באלד דרייסיק יאר וואס מיר האבן זיך געקענט. דער שדכן אונזערער איז געווען

דער פארשטארבענער ד״ר ראבאק, בעת איך האב מיט אים צוזאמענגעארבעט אויף דער ערשטער אויפלאגע פון דער אנטאלאגיע „די גאלדענע פאווע“, וואס איז ארויס אין 1939. לעיעלעסן איז שטארק געפעלן געווארן דער געדאנק פון אזא אנטאלאגיע פון דער יידישער דיכטונג אויף ענגליש, און ער האט מיר געשריבן בריוו וועגן דעם. איך האב ביי מיר איינעם אזא בריוו פון 1938: „פון די מאטעריאלן וואס איר האט מיר צוגעשיקט געפין איך אויס, אז איר שטייט איינגאנצן אויף מיין שטאנדפונקט אז די יידישע ליטעראטור דארף באטראכט ווערן ווי א טייל פון דער איצטיקער וועלט־ליטעראטור, ‚פארט ענד פארסל‘, א טייל פון דער מערבדיקער דיכטונג מיט — פארשטייט זיך — ספעציפיש יידישער אייגנארטיקייט. ס׳פרייט מיך וואס איר שטייט אויף דעמזעלביקן שטאנדפונקט.“ האב איך דעם בריוו לעיעלעסאָס טאקע ציטירט אין מיין הקדמה צום בוך.

א יאר שפעטער איז געקומען דער היטלער־קריג, און דער חורבן, דאס פארטיליקן די מיליאנען יידן פון אייראפא, די יידיש־לייענערס און די יידיש־שרייבערס. עטלעכע האבן זיך געראטעוועט, ווי סוצקעווער מיט וועמען איך האב אויך קארעספאנדירט (דא איז דער שדכן געווען זלמן רייזן, ע״ה) זינט 1939, חיים גראדע א״א. מיין טייערער חבר מלך ראוויטש, וואס אים האב איך געקענט זינט 1920 און מיט וועמען איך האב געהאט נאנטע באציאונגען אויך אין די ענינים פון יידישן פען־קלוב, ווו ער איז געווען דער סעקראטאר, האט דעמאלט געלעבט אין אויסטראליען. דער יידישער פען־קלוב אין ווארשע ווילנע איז חרוב געווארן. און ער איז צוריק אויפגעשטעלט געווארן אין ניו־יארק. מיין אלטער פריינט דוד פינסקי איז געווען דער ערשטער פרעזידענט. ווען ער האט זיך באזעצט אין ישראל האט לייוויק איבערגענומען די ארבעט. און לייוויק טאקע צוזאמען מיט לעיעלעס, דעמאלט זיין וויצע־פרעזידענט, האט מיך באשטימט אין 1940 פאר דעם „פערמאנענטן פארשטייער“ פון יידישן פען־קלוב אין פען־אינטערנאציאנאל. און אזוי בין איך געבליבן ביז היינט. געווען פארשידענע פרעזידענטן דורך די אלע יארן, לעיעלעס באלד נאך לייוויק,און ווידער ביז לעצטנס, ווען ער איז געווארן ערן־פרעזידענט, אפרים אויערבאך, יעקב שאצקי, שלמה ביקל, און איצט לייב פיינבערג. מיר האבן אסך קארעספאנדירט וועגן פען־ענינים, און מיר זענען געווארן נאנט.

לעיעלעס האט ארויסגערופן צו זיך ליבשאפט ביי זיינע נאנטע קאלעגן. אזוי שרייבט מיר איצט לייב פיינבערג: „איך בין איבער פערציק יאר געווען זייער שטארק צוגעבונדן צו גלאנצן. ער איז מיר געווען א רבי, א חבר און א נאנטער מענש. און זיין טויט איז פאר אונז אלעמען בכלל און פאר מיר בפרט א גרויסע אבידה. ער איז געווען א גרויסער דיכטער און א ווונדערלעכער מענטש“.

ביי מיר ליגט א בריוו פון לעיעלעסן פון 1946, נאך דער באפרייאונג, נאך דעם ערשטן נאך־מלחמהדיקן פען־קאנגרעס אין שטאקהאלם, וואו איך האב גערעדט וועגן אונזער חורבן. איך האב לעיעלעסן געהאט געשיקט מיין גאנצע



רעדע. האט ער מיר געשריבן: „אויב איר לייענט דעם ‚טאג‘ האט איר באמערקט, אז אייער רעפעראט ביים קאנגרעס אין שטאקהאלם איז געווען דארט אפגעדרוקט. אויך רחל קארנס. ביידע האבן געמאכט א גרויסן רושם. אברהם רייזען, וועמעס זיבציק יאריקן יוביליי מיר פייערן האיאר, האט מיר געזאגט, אז ער האט געוויינט לייענענדיק די ביידע רעפעראטן. זיי זענען ווירקלעך געווען אויסגעצייכנט“.

דאס ערשטע מאל האבן מיר זיך פערזענלעך באקענט אין 1949 ווען איך האב פארבראכט עטלעכע חדשים אין אמעריקא. ער האט זיך פיל אפגעגעבן מיט מיר. עס דערמאנט זיך מיר אן אוונט ביי אים אין שטוב, ווען ער האט פארבעטן צו זיך צו טרעפן מיך זיינע דאן נאנטסטע פריינט, לייוויק, אפאטאשו און ביקל. מיר האבן זיך ווידער געזען אין ניו־יארק אין 1952. און מיר האבן פארבראכט אסך טעג און אוונטן צוזאמען אין ישראל אין 1956. דערנאך מיט א חודש שפעטער, ווידער אין לאנדאן. און דאס לעצטע מאל, היינטיקן זומער אין ניו־יארק בעת דעם פען־קאנגרעס דארט. מיר האבן זיך געזען כמעט יעדן טאג. איך בין ביי אים און סאפין געווען אין שטוב, און אונזערע בריוו זענען לעצטנס געווען גאר אפט. למשל, דעם 23סטן אויגוסט, 1966: „איך האב אייך געשריבן נעכטן און שרייב אייך היינט ווידער“. ער האט מיר געשריבן אז ער קוקט שוין ארויס אויף מיין קומען קיין ניו־יארק נאכאמאל אין פרילינג, ווי איך האב געקלערט און קלער אויך איצט צו טון. נאר דאס מאל וועט לעיעלעס שוין ניט זיין.

איך קען קיינמאל ניט פארגעסן זיין און סאפיס נאנטקייט צו מיר דעמאלט אין ניו־יארק, אדער זיין לויב־געזאנג וועגן מיר און מיין אויפטו ביי דעם אוונט אין אטראן הויז וואס דער יידישער פען־קלוב און דער יידישער קולטור־קאנגרעס האבן געמאכט פאר מיר. אזוי ווי איך קען ניט פארגעסן דעם ארטיקל וואס ער האט געשריבן וועגן מיר אין „טאג“ צו מיין ווערן אַ בן־שבעים, און וועגן מיין באנד לידער. אויף ענגליש וואס איז דאן ארויס. „א גוט, דיכטעריש יידיש בוך, כאטש מיט ענגלישע ווערטער“.

איך וואלט געקענט שרייבן אסך וועגן לעיעלעסן דעם דיכטער. אסך פעיקערע פון מיר האבן דאס געטאן. און ס׳וואלט מיך צו ווייט אוועקגעפירט. ווען לעיעלעס איז געווארן פינף און זיבציק יאר אלט, מיט עפעס מער ווי צוויי יאר צוריק, האב איך געדרוקט אן ארטיקל איבער אים אין ניו־יארקער „פרייַלאנד“, דער זשורנאל פון דער טעריטאריאליסטישער פרייַלאנד ליגע, מיט וועלכער מיר אלטע טעריטאריאליסטן האבן נאך א געוויסע שייכות. האב איך דארט דערמאנט אז אין די ערשטע יארן זיינע אין אמעריקא האט לעיעלעס געארבעט אין דער טעריטאריאליסטישער באוועגונג ווי א רעדנער, וואס איז ארומגעפארן אין די שטעט אגיטירן פארן טעריטאריאליסטישן געדאנק און ווי דער רעדאקטאר פון סאציאליסטיש־טעריטאריאליסטישן ארגאן, „פאלקס־שטימע“. זאנגוויל איז פארבליבן ביי לעיעלעסן, ווי ביי מיר, וואס איך האב געשריבן א בוך, זאנגווילס ביאגראפיע, א פריינט און א וועגווייזער. צו זאנג־

ווילס הונדערט־יאריקן יובל האט לעיעלעס געדרוקט אן ארטיקל, ווו ער האט געזאגט: „זאנגוויל איז געווען מיין פריינט, מיין לערער, מיין אינספיראציע".

איצט לייען איך אין אשר פענס בוך „יידישקייט אין אמעריקא", אז סוף 1912 איז לעיעלעס „געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער שול אין שיקאגא. די שול איז געשאפן געווארן פון א גרופע פועלי־ציון, סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן און אנהענגער פון זשיטלאווסקי. אין 1913 איז לעיעלעס געווארן דער פרינציפאל פון דער דאזיקער שול".

דערצייל איך דאס, ווייל לעיעלעסן איז ניט שטענדיק געווען לייכט זיין לעבן. ער איז ניט געווען דער דיכטער וואס זיצט און שרייבט און דרוקט זיינע לידער אן דאגות פרנסה. האט ער דאך אזוי געשריבן אין זיינע לידער:

„לאנגע יארן טראג איך שוין דעם מיל־שטיין פון פרנסה. ס'האט
מיין פעדער נישט געריטעמט לידער בלויז, מיין פען געזאנג. ס'איז
אמעריקא. ס'הענגט איבער קיינעם נישט קיין קאסע, נאר זיי מוחל,
ארבעט. ס'איז דער דרך און נישט זוך קיין דאנק. כ'ארבעט נאך. די
פראצע קילט מיין שטערן מיט איר ראסע און כ'בין גליקלעך וואס איך
דארף נישט זאגן זיך: חטאתי, ווייל מיין פען האט קיינמאל נישט פאר־
שעמט דאס פנים פון געדאנק".

ער האט דאס זעלבע געזאגט אויף פראזא צו יעקב פאט, וואס האט איבערגע־געבן דעם געשפרעך אין זיין בוך „שמועסן מיט יידישע שרייבער" — „לעיע־לעס דער פאעט האט ניט געפעלשט גלאנצן דעם פובליציסט, האט מיר געזאגט אהרן גלאנץ־ליעיעלעס, אין סך־הכל פון זיינע פערציק יאר דיכטערישער, פובליציסטישער, קולטור־געזעלשאפטלעכער טעטיקייט".

ווייטער האט לעיעלעס געשריבן:

„אין ניו־יארק, ביים אנקום, האב איך אלץ געקאנט נאך ווערן,
דאקטאר, כעמיקער, דענטיסט, צי אינזשעניר און אדוואקאט.
נאר דער אנטי־תכליתניק אין מיר האט גארנישט הערן
פון אזוינס געוואלט. יא: נישט אין תמוז־היץ, צי קעלט פון שבט
האבן מיך געצויגן די צעגלאנצטע פעטע שטערן
אויף דעם הימל פון פרנסה. איך בין אן איבעריקן קלערן
גיך געווארן א מחבר פאר דעם קבצן, פאר נאש־בראט".

איז ער צו כמעט אכטן און זיבציק געקומען צו די יארן ווען ער האט געוואלט אפאטעמען, אפרוען זיך פון דער פראצע, פון דעם מיל־שטיין פון פרנסה. שרייבט ער מיר דעם 6טן נאוועמבער, 1966: „איך האף צו באפרייען זיך פון אלע כללישע פליכטן און טועכצן אין שפעטסנס צוויי וואכן ארום. דאן צום בוך. און מער גארנישט אחוץ דעם בוך, און אנדערע וואס איך דארף ארויסגעבן".

נאוועמבער 21סטן, 1966: „ענדליך, ענדליך, ענדליך האב איך אויסגעטאן די טאגא פון פרעזידענטשאפט. איך פיל מיך ממש באפרייט. לייב פיינבערג איז דער נייער פרעזידענט. ד"ר מארגאשעס וויצע־פרעזידענט. מען האט מיר



געגעבן דעם טיטול ערן־פרעזידענט. אבער איך האב אויסגענומען: קיין שום ארבעט. עס איז צייט צו טאן עפעס פאר זיך, און כ'האב עס בדעה צו טאן אינגאנצן. גלייכצייטיק גרייט איך אויך צו א נייע לידער־זאמלונג מיינע. ווי איר זעט "I'M TRYING TO MAKE UP FOR LOST TIME"

האט לעיעלעס נאך באוויזן מיט א וואך שפעטער צו ריידן אויף דעם אוונט פאר זיין חבר און אינזיכיסט קאלעגע יעקב גלאטשטיין, ביים אויסטיילן אים די לייוויק פרעמיע, וואס אגב לעיעלעס האט באקומען א יאר פריער. איך ציטיר פון דעם באריכט אין „קעמפער": „גלאנץ־לעיעלעס האט געשילדערט דעם אויפקום פון דער אייגנארטיקער אין־זיך ריכטונג אין דער יידישער פאעזיע, און איר ביישטייער צו דער מאדערנער יידישער ליטעראטור. ער שטרייכט אונטער די גרויסע ראל פון יעקב גלאטשטיין אין דער אין־זיך גרופע".

וועגן דער טעמע גלאטשטיין און די אינזיכיסטישע באוועגונג האט לעיע־לעס גערעדט און געשריבן אסך מאל פריער. אזוי מיט צען יאר צוריק, ווען גלאטשטיין איז געווארן זעכציק: „יעקב גלאטשטיין איז אן אינטעגראלער טייל פון אט דער ריכטונג. זי לאזט גארניט טראכטן וועגן זיך אן אים, די ריכטונג וואס צוזאמען מיט יעקב גלאטשטיינען און נחום ברוך מינקאוון בין איך איינער פון אירע דריי ‚אבות'."

איז דער אוונט פאר גלאטשטיין געווען לעיעלעס'ס לעצטער ארויסטריט. לייב פיינבערג, דער נייער פרעזידענט פון יידישן פען־קלוב האט מיר געשריבן אז לעיעלעס איז אין שפיטאל, און „מיר אלע בעטן אז ער זאל זיך ארויסרייסן פון זיינע צרות". און דאן האב איך באקומען די טרויעריקע בשורה פון גלאנץ־לעיעלעס'ס זון, הערשל גלאנץ: „דעם 30'סטן דעצעמבער אין דער פרי איז מיין פאטער אוועק פון אונז. אייער בריוו איז אנגעקומען בשעת ער איז געווען אין שפיטאל. און ער האט ליידער ניט געקענט עס איבערלייענען. אבער ער האט צו אונז גערעדט וועגן אייך".

איז מיין טייערער ליבער פריינט און חבר, אהרן גלאנץ־לעיעלעס „אוועק פון אונז". אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער, געדרוקט ביי סוצקעווער אין „די גאלדענע קייט", מיט צוויי יאר צוריק, האט לעיעלעס געשריבן וועגן זיך:

„די פלאמען פון א לעבן צינדן זיך פאנאנדער
און ברענען צווישן פרילינג און דעם בלעטער־פאל.
פארויס איז דאס א ווייטער, לאנגער וואנדער.
נאר אויף צוריק — א קורצער, פרעמדער קארניוואל.
און זאל מען אנרופן דאס לעבן ביי דעם נאמען
און פרעגן: אהרן, יונגסטער זון פון עוזר, דו —
וואס האסטו אויפגעטאן אין אומרו און אין רו?
ווי אויסגעשפילט די שמחות דיינע, דיינע סדומען?
דער ענטפער איז: מיין יעדער בלוטסטראפן באזונדער
זינגט אחד מיט דער קדושה, דעם נס און וואונדער,

מיט יעדער טרער, מיט יעדן טרוים פון אונזער פאלק".
ער האט מיט אונזער פאלק א בונד פארשניטן, און א בונד פארשניטן מיט דעם יידיש לשון פון אונזער פאלק. אין זיין הימנע צו יידיש, „מיין לשון", האט גלאנץ-לעיעלעס אזוי געזונגען:

„די לעצטע צו שרייבן מיין לשון, מיין יידיש —
זיי וועלן געהערן צום נאבלסטן שטאם.
זיי וועלן אויף איטלעכן אות מאכן קידוש,
באאטעמען דאס ווארט מיטן גלוסטיקסטן טעם".

## א. לעיעלעס

### פון בוך: ניי יארק און איך

כ'האב די שול פארענדיקט. גוטע צייכנס. ריכטיקע דיפלאמען,
און א רעדע פאר דעם קלאס, וואס האט צום ערשטן מאל
אין א בלאט-צייטונג צערייצט די קלאנגען פון מיין נאמען.
נאר עס איז געווען א גלאק אין מדבר, א פארלוירן קול.
נישט קיין צוויט פון תכלית-בוים און נישט קיין מינדסטער זאמען
האט געיערט פון אנהייב אן אין מיינע אדער-שטראמען.
שטאק-פול דארט מיט אומתכלית, ווי מיט אטאמען — גאלד און שטאל.

אין דעם יאר פון וויכער, פון דער ערשטער פעלקער-פראבע
איינצוברעכן, שטורעמען דער צארן-טורמעס היכע ווענט
און אראפצורייסן אירע שטריק, אזיאטיש-גראבע,
האט קיין לאנדאן מיך געפירט א באן און שפעטער אן אקרענט.
כ'האב געהאט דארט פעטערס, מומעס, און א קלוגע באבע.
יעדער האט געטראכט פון מיר צו מאכן אן אסאבע,
ס'הייסט א לייט לויט ענגלאנדס מוסטער, לויט אייראפעס קער און ווענד.

מיינע עלטערן — זיי זענען גאר געווען באפליגלט
מיט דערווארטונג און מיט האפן. נו, איז נישט קיין קאמערסאנט.
קאן מען נישט אין לאנדאן ווערן עפעס מער צעשפיגלט?
וואס מכוח דאקטער? ענגלאנד האט דאך שררות יידן, ווי באקאנט.
אהרן האט א קעפל גאר א גוטס... דאס תכלית-קריגל
איז מיר נאכגעלאפן סאמע פון דעם קינדער-וויגל
ביז בריטאניעס פרייען ברעג. נאך ס'האט געפירט אן אנדער האנט.

לאנדאן לעבט אין מיר מיט פיל-קאלירטער מזל-ברכה,
לעבט מיט פרייע טאנצנדיקע קינדער אויף דער גאס און סקווער;
מיט די העפלעכע פאליסליט, וואס מיט בלויז א פאכע
פון דער הענטשקע האלטן זיי א מחנה קעגן שטרייט און שטער.
לאנדאן האט געקנעטן ס'יונגע ליים פון מיין מערכה
און פאר מיר געעפנא א שארף-לינקע עפאכע.
ס'האט די שטאט באשאנקען מיך מיט וועלט-אטעם און עפעס מער.



## משה בעקערמאן

### מיין ערשטע קארעספאנדענץ צום „פריינדם אין פעטערבורג

(הומארעסקע)

איך גיי זיך דא לחלוטין נישט בארימען פאר אייך, אז מען האט מיך איינגעלאדן פון דער רעדאקציע צו ווערן דער ביאלער קארעספאנדענט פון „פריינד". אודאי ווייס איך איר וועט עס מיר נישט גלויבן. דעם אמת געזאגט, האב איך אפילו נישט געווארט אויף קיין איינלאדונג, זייענדיק זיכער, אז אזוי גיך ווי זיי וועלן נאר דערהאלטן דארטן אין פעטערבורג מיין באריכט פון סטרייק אין ביאלע,* וועלן זיי נישט בלויז זיך בעטן ביי מיר צו ווערן זייער קארעספאנדענט, נאה וועלן אויך אין איין וועגס ביילייגן מיט זייער ביטע אן אוואנסל פון לערך א קנאקעדיקן צען רובל באנקנאט. טאמער איז א צען רובל-דיק פאפירל גראד נישט בנמצא, וועלן צוויי פינף רובלדיקע אויך טויגן.

קיין פלענער וואס צו טון מיטן געלט האב איך לעת-עתה נישט געמאכט, ווילנדיק זיין פארזיכטיק. א קשיא אויף א מעשה?...

מיין טעמע איז געווען „דער ביאלער מארק ווערט ארייגעשלעפט אין דער סטרייק-כוואליע". אט דאס, האב איך מיר געטראכט, וועט בלי שום ספק מאכן א געוואלטיקן רושם סאי אין דער רעדאקציע פון „פריינד" סאי אין גאנץ פעטערבורג. אין דער פאנטאזיע האב איך מיר פארגעשטעלט ווי דער רעדאקטאר בכבודו ובעצמו ווערט מלא שמחה, רייבט זיך איין האנט אין דער אנדערער, ריידנדיק צו זיך אליין: „אט דאס איז א טאלאנט! אט דאס הייסט שרייבן!"

יא, איר וועט דאך מסתמא וועלן וויסן וואס אייגנטלעך איך טו אין ביאלע, אז וואוינען וואוין איך גאר אין ווארשע! וועל איך אייך דאס טאקע דערקלערן. אין יענע טעג — אסיען, 1905 — איז אסך מענטשן אויסגעקומען צוצוהונגערן אין ווארשע צוליב צוויי טעמים: ערשטנס איז נישט געווען גענוג ארבעט און צווייטנס איז געווען שווער צו באקומען א ברויטל מיט א הערינג אדער אן א הערינג.

די סאלדאטן אין די קאזארמעס אויפן פזשעיאזד האבן זיך געהייסן אפגילטן פאר א פערטל פון א סאלדאטסקן לאבן ברויט, וואס זיי פלעגן ארויסדערלאנגען דורך די פענסטער אויף דער נאוואליפיע גאס. און אז ס'האט זיך שוין אמאל באוויזן, טאקע אויפן פזשעיאזד, א יידישער בעקער מיט א קוישל אויפן ארעם און מען האט געמיינט די ישועה איז שוין געקומען, האט זיך אויסגעלאזט, אז ער טראגט נאר קיכלעך צו פארקויפן. דער בלויזער ריח פון די קיכלעך, באשאטענע מיט מאנטשקע, איז געווען גענוג אייך צו טרייבן צו משוגעת. די סאנה איז ממש געווען גרויס, אז חברה וועט אים באלאגערן, אים געבן עטלעכע בוכצעס אין די זייטן און מאכן א ויברח מיטן קוישל קיכלעך.

האב איך באשלאסן ביי מיר צו שטעלן פיס צום ברעסט-ליטאווסקער וואקזאל אין פראגע. ארבעטסלאזיקייט גייט דאך האנט אין האנט מיט הונגער, נו, און וואס מער איינער ליידט פון דער ערשטער חולאת אלץ שווערער מוז

עס אים אנקומען פטור צו ווערן פון דער צווייטער . . .

יענעם אוונט האט דער ביאלער מארק גענומען גאר אן אקטיוון אנטייל אינם סטרייק. מען האט אין ערגעץ נישט געזען די פארקויפערינס פון קוואסעפעלעך, דזשענעבץ, הערינג־ראסל און אנדערע באטעמטע מאכלים. די שטעלעס זענען געווען פארלאזט אויף הפקר. הינער־פיסלעך און קעפלעך פון פיש האבן זיך פראנק און פריי ארומגעוואלגערט אומעטום.

, האב איך מיך אנידערגעזעצט אויפן סאמע מארק, גענומען מיין שרייבגעצייג און אנגעהויבן שילדערן די ראלע פון ביאלער מארק אין אט די גרויסע געשעענישן. אויך די לבנה איז מיר צוהילף געקומען, ווייל הגם די לאמטערנע האט שוין געפינטלט אויפן ראג מארק ביי דער „קאזע“, איז אבער איר שיין צו מיר נישט דערגאנגען.

צומארגנס בייטאג, ווען כ׳האב פארגעלייענט מיין באריכט פאר די שכנים פון הויף, האב איך באמערקט ווי די ווייבער הויבן אן קוקן מיט גרויס דרך־ארץ אויף מיין מאמען . . .

אנגעשריבן דעם אדרעס און פארקלעפט דעם קאנווערט, האב איך מיך פלוצלינג ארומגעזעען, אז מען מוז ארויפלייגן א פאסטמארקע . . . אבער וואו נעמט מען די זיבן קאפיקעס דערצו? איך האב גוט געוואוסט, אז אויב מען שיקט פון דער היים א בריוו קיין ווארשע אן א פאסטמארקע, באצאלט מען טאפלט ביים אפנעמען דעם בריוו. פארוואס זשע נישט שיקן מיין באריכט טאקע אן א פאסטמארקע קיין פעטערבורג?

לאז איך מיך גיין צום בריוו־קאסטן ביים מאגיסטראט, נישט ווייט פון דער „קאזע“. געקומען אהין — אוי, א חורבן! דער קאסטן איז אנגעשטאפט מיט בריוו, וואס א טייל שטעקן ארויס די קעפ, ווי בעטנדיק זיך, אז מען זאל זיי באפרייען פון דער ענגשאפט. ביי איינעם פון די ארויסשטארצנדיקע בריוו האב איך באמערקט ווי די מארקע זיינע הענגט אויף א האר . . . א ליאדע ריר און זי פאלט אראפ פונם קאנווערט. אזוי איז עס טאקע געשען. מיט איין ריר און די מארקע איז ממש געלעגן ביי מיר אוית דער האנט!

א בת־קול האט צו מיר א זאג געטון: „משה, טראג דיך אפ פון בריוו־קאסטן!“ אויב נישט, קענסטו נאך ווערן א שכן פון וואויטעק דעם שכור, וואס זיצט דא טאקע אין דער קאזע“.

דעם צווייטן פרימארגן בין איך מיר לאנגזאם געגאנגען מיט מיין בריוו מיט דער ארויפגעקלעפטער מארקע, וואס איך האב געראטעוועט פון פארלירן ווערן. אן אפקלאנג פונם דנא פון בריווקאסטן האט זיך געהערט ווי איך האב אריינגעווארפן מיין בריוו.

——שניידער געזעלן זענען געשטאנען אויפן שול־הויף, אריבערוווארפנדיק זיך מיט ווערטלעך בעת די מייסטערס זענען ארויסגעקומען פון שניידער־שטיקל. „היינט וועלן זיי אליין מוזן ארויסטראגן די פאמעשאפן!“ „אוי, וועט מיין מייסטער עס היינט כאפן א מפלה פון זיין שעוברתער יידענע“, און ענלעכע.

איך זע דאך שוין ווי אומגעדולדיק איר זענט צו וויסן צי מיין קארעס־



פאנדענץ איז טאקע דערשינען אין „פריינד“. וועל איך אייך דערציילן. מיט עטלעכע וואכן שפעטער, ווידער זייענדיק אין ווארשע, האב איך געלייענט אין א צייטונג, אז דער שנעלצוג פון דעם און דעם טאג פון ברעסט־ליטאווסק קיין פעטערבורג איז צוליב א נישט־פארויסגעזעענער סבה אראפ פון די רעלסן . . .

אבער די האפנונג צו ווערן א קארעספאנדענט האב איך קיינמאל נישט אויפגעגעבן. געפילט אין די ביינער מיינע, אז דער טאג מוז קומען, און ער איז טאקע געקומען! פונקט פופציק יאר שפעטער האב איך געהאט מיין דעביוט, נישט בלויז אין לאנדאן, נאר אין סאמעראדנעם פאריז!

וואס האב איך געטאן אין משך פון די פופציק יאר „זשורנאליסטישער פויזע? ר׳ייד, לאזט מיך צופרידן מיט אייערע פוסטע קושיות איך פרעג אייך דען וואס איר האט געטון אין פופציק יאר?

## מנחם שטערן

### צום מלך שאול

ווי דו וויל איך זיך אויסטאן פון געזאלבטן טרויער,
נאר ס׳פאלגט מיר נאך דער בלוט־רויטער גלבוע,
מיט דער שטומער עדה גבורים,
וואס ליגן אין פארגליווערטן כורעים.

א, ווי די אונטיקע כמארעס רויטע
דערמאנען אין ישראל׳ס טויטע!
און דארט וואו רויטער איז דאס בלוט, —
מיין זון, דער גוטער יונתן רוט.

א גאנץ לעבן טו איך באפעלן
די נושאי כלים מיינע
זיי זאלן מיך באפאלן
מיט שפיז און קיינזשאלן,
ווי ס׳באפאלן רויבער אן איינזאמען דורכגייער
אויף א וואלדיקן וועג.
איך טענה אז מיין הארץ באגערט
דעם שניט פון אייגענער שווערד,
און אז שפיז־און־פייל די שארפע,
זיינען איצט א טרייסט
ווי אמאל דוד׳ס הארפע.

נאר די נושאי כלים
שפאנען און שפאנען דעם גלבוע־וועג.
אין זייערע הענט בלישטשען קינזשאלן,
און זיי שפיגלען זיך פארנאכטיקע שטראלן.

## שמואל ווהייט

### איך רעכען

רעכן היינט רעכן מארגן,
אז וואס די זאלסט ניט רעכענען,
בלייבען אלץ די זעלבע זארגען.

דער וועג איז גליטשיק,
דער זימפ צו שמיציק,
לאז דיך ניט פארנארען,
פון אליכטיגע זון מיט שטראלן,
ווען כמארעס פינסטערע שטארן.

וואס ניצט דאס בארעכענען,
ס׳איז אדארן וואס שטעכט —
א דימאנט וואס איז ניט עכט —
אין דו פילסט ערגער ווי שלעכט.

רעכען היינט רעכען מארגען,
די טעג פארלויפען,
און בלייבסט מיט די זארגן.

## עלא זילבערג

### ביינקשאפט

אי ווי עס ביינגט זיך,
נאך פעלדער פארזייטע,
מיט קארן, מיט האבער,
מיט גערשטן, און ווייטץ.
נאך וואגענס באלאדן,
מיט היי פריש געשניטן,
נאך פערדלעך געטריבן,
פון א קנאליגער בייטש.

און נאך מארגאריטקעס,
מיט גאלדענע הערצער,
און נאך פיאלקעס,
באהאלטן אין גראז,
נאך מאיגלעגלעך, טולפן,
און דופטיגע רויזן,
איך בענק נאך דעם זומער,
אן א שיעור אן א מאס.

נאר מער נאך פון אלעם,
איך בענק נאך דעם טייכל,
וואס זיך געשטענגלט,
ארום די אלטיצגע מיל,
דאס קריסטאל קלארע וואסער,
אן אויפהער געמורמלט,
געוועקט און גערופן,
און דערציילט אזוי פיל . . .

וואס איז געווארן,
פון די פעלדער פארזייטע ?
וואו זיינען געבליבן,
די בלומען פון פעלד,
מיט בלוטן פארטרונקן,
פון קוילן צוגראבן,
א וויסטער בית עולם,
פון אמאליקער וועלט.



### מיט זון אין מיין הארצן

מיט זון אין מיין הארצן,
מיך שרעקט ניט די קעלט,
פון גאלדענע דמיונות,
כ׳וועל בויען א וועלט.

א וועלט א פאריונגטע,
צניעותדיק ריין,
אן שנאה אן קנאה,
פאר גרויס און פאר קליין.

קיין טרערן, קיין ליידן,
קיין פאלשקייט, קיין שרעק,
מיר וועלן וואנדלען,
אויף א גאנץ נייעם וועג.

ווי שוועסטער און ברודער,
געטריי האנט אין האנט,
מיר וועלן פארקונדן,
די בשורה אין לאנד.

פאר יעדן דער הימל,
פאר יעדן די ערד,
זאל יעדער געניסן,
וואס גאט אים באשערט.

א לעבן אין ליבשאפט,
אין א פרידלעכע וועלט,
באשטראלט פול מיט האפנונג,
מיך שרעקט ניט די קעלט.

## א. נ. שטענצל

### דער אריינפאר און די באגעגעניש

אין די נאכמיטאג־שעהן, ארום תשעה באב, אינדרויסן האט די זון נאך געברענט תמוזדיק, איך זיץ ביים שפיץ פונם פאליציי־טיש מיט פארקאטשעטע העמד־ארבל מיט א פארשארצטן שטערן און שוויץ ביי מיין סוף פון ראמאן „אין שניט־צייט״; געבליבן שטעקן ביים שלוס פון לעצטן קאפיטל אין א שווערער מבוכה, נישט וויסנדיק ווי און וואו צו ענדיקן מיט מיין „העלד״: לאזן אים אויסגיין אין פאלעסטינע פון קדחת־פיבער; אים צוריקברענגען אהיים קיין פוילן אבל וחפוי ראש? אפשר וואלט טאקע געווען דער בעסטער פלאן אים לאזן פאלן א העלדיש־ראנגלדיקן צווישן די אכט און פערציק קרבנות אינם יפו־פאגראם?

די ערשטע פאר קאפיטלעך, שנעל אנגעשריבענע געדיכטע זייטן לאנגע אקטן־בויגן פאליציי־פאפיר, זיינען דער רעאליזם פון מיין לעבן. דאס געלונגענע אין זיי איז, מסתם, געווען די האלענדישע לאנדשאפט, דאס שילדערן די פעטע, פלאכע לאנקעס, דאס וויגנדיקע גרין, די ברוינע, שווערע קי מיט די אראפהענגענדיקע אייטערס, מילך־טריפנדיק; דאס מיט שווערער מי דערלעבטע פון מיר אין די לעצטע חדשים, מכוח ארבעט און דעם הארעפאשנעם ארבעטס־מענטש.

אז ס׳איז אבער געקומען צו דער האנדלונג, צום „פלאט״, צו דער „פאבל״ פון ספור־המעשה, האבן שוין אנגעהויבן ארויסקוקן דורך די ברייטע, פאלשע שטעך נאאיווע ראמאנטיק און ישיבה־בחורישע איינפאלן, אזוי, אז דער סוף, די לעצטע צוויי קאפיטלעך, האבן שוין געהאנגען אויף הוילע המצאות — אזוי, אז דאס פארבינדן איז אנגעקומען שווערלעך . . . האלץ־געשניצטער רעאליזם מיט זיידן־געשפינטער ראמאנטיק איז שעטנז . . . צי קאן מען פארבינדן אן עק פון א קאץ? ער קניפט זיך כסדר צוריק אויף . . .

צי דער ראמאן האט געהאט א זכות־החיים ווייס איך נישט, אבער דער „העלד" האט זיכער נישט געטארט בלייבן לעבן, אויב ער זאל בלייבן א העלד... עס האט זיך נאר געהאנדלט אין וואס פאר א מיתה טוט מען אים אן, כדי ער זאל אויסזעען וואס רעאליסטישער און העלדישער און נישט ווירקן בטלניש סענטימענטאל און צעקראכן.

און אפשר איז דאס ראמאנטישע גופא געווען דער אמתער רעאליזם, ווייל אזוינס איז געווען מיין בענקשאפט — הוילער אידעאליזם! דאס צו דערזען איז א שרעק מיך איבערפאלן, אן אנגסט־שווייס איז ארויס פון מיין שטערן: דאס מיינט דאך, אז איך אליין האב נישט מער קיין זכות־החיים... נישט נאר די לאנדשאפט איז דער רעאליזם, נאר דער אומבאדינגטער טויט פון דעם איבער־די־כוחות־ראנגלדיקן נפש — איך!

איך האב מיך אפאר מאל אינמיטן שרייבן געגעבן א שטעל אויף, געוואלט שפאנען מיט ברייטע שריט אין דער גרויסער שטוב, אבער דערזעען די פאר פאליציסטן ביי זייערע באשעפטיקונגען, האב איך דערפילט דעם „רעאליזם" פונם מאמענט און מיך צוריק אנידערגעזעצט, אפווישנדיק דעם קאלטן שווייס פון מיין שטערן.

און אט, כמעט האלט איך ביים שפיץ, איך פארקניפ שוין דעם עק... עפעס ווי פונם הימל וואלט אן איינפאל מיר אראפגעפאלן — איך אליין פאל אריין אין התפעלות פון דער געלונגענער המצאה! — קומט צו מיר צו איינער פון די פאליציסטן, אנגעטון ציוויל, דאס גאנצע אויסזעען זיינס קומט מיר אויס פרעמד, נישט צו דערקענען, אז ס'איז דער זעלבער, וואס אין די ניין טעג דא, זיצנדיק אויף קעסט, אויף אלעם גרייטן, איז ער דאס געווען דער, וואס איך בין געשטאנען אונטער זיין „אפיעקונסטווע". זיין באפעלעריש ריידן איז מיר געווען נאך פרעמדער: „גייט אריין אין קאמער און מאכט אייך גרייט — מיר גייען"!

אויפגעוועקט אינמיטן פון מיין התפעלות, אויפהויבנדיק דעם קאפ פונם באשריבענעם בויגן פאפיר און דערזעענדיק אין דעם רויט־אויסגעגעסענעם קיילעכדיקן פנים, די בלאנד־צוגעשפיצטע, פאליציייאיש־פארדרייטע וואנסעלעך, בין איך ווי פונם הימל אויף דער ערד אראפגעפאלן און מיט איין בליק אלץ פארשטאנען.

כ'האב געוואלט עפעס זאגן: „אשטעבליף", אפשר איז דערלויבט נאך א האלבע שעה, נאר איין האלבע שעה? דערזעענדיק זיין קאלטן בליק, איז מיין הייסער שטערן ווי מיט א קאלטן עמער וואסער באבליאפעט געווארן, און איך האב נאך א מאל נאר בלויז ארויסגערעדט: „אשטעבליף", איין רגע, הייסט עס. וואס האב איך דען דא מיך אזויפיל צוצוגרייטן?...

און באמת, וואס האב איך שוין געהאט מיך צוצוגרייטן? אריינגיין אין קאמער, אנטון דאס רעקל, צוזאמענגעמען די היינט־פריש־אנגעשריבענע בויגנס פאפיר און אריינלייגן אין בוזעם־קעשענע.

ווען כ'בין ארויסגעקומען צוריק פון דער קאמער אין דער פאליציי־



שטוב אריין, האט ער, דער פאליציסט אנגעטון אין ציוויל, „גראד" געהאלטן ביים אראפנעמען דעם רעוואלווער פון זיין מונדיר־פאסיק און אים, דעם רעוואלווער, אריינלייגן אין זיין רעכטער הויזן־קעשענע. כ'האב געזעען אין דעם אופן פון אריינלייגן, אז ער האט געווארט דערמיט אויף מיין ארויסקומען פון דער קאמער, כדי כ'זאל זעען, אז פון יעצט אן, דווקא ווען ער גייט אנגעטון ציוויל, הייבט זיך אן דאס שטרענגע געזעץ: אויס מיט אלע שמאנצעס, מיט אלע געמאכטע פריינטלעכקייטן... נאטירלעך, אין דעם פאל האבן מיר נישט צו טון מיט א פארדעכטיקטן . . . אבער צוריק געשמועסט, ווער קאן וויסן, ווער קאן קאווירן, אז ער שפילט נישט דעם חושים... ער איז גאר נישט דער נאר, נאר ער האלט אונז צום נארן... א מאדנער פארשוין, אבער א צוואנער... אויס מיט די אלע אפשרס! ווער דו ביסט, וואס דו ביסט, אז דו ביסט געקומען דורך ענטשכעדע האסטו דאך אליין מודה געווען, וועלן מיר דיך אפשטעלן צוריק אויפן זעלבן פלאץ.

צי כ'האב מיך מיט צעפלייעסן געשפילט ביים צוזאמנעמען די געשריבענע בויגנס, צי כ'האב זיי געוואלט אויססדרן לויט ווי זיי זיינען געווען נומערירט? אויסצומיידן דעם „איר", וואס ער איז געוואוינט געווען די גאנצע ניין טעג ביים ריידן צו מיר, צי אפשר דעם „דו", ווי צו אן ארעסטאנט, האט ער מיך שטרענג אנגעקוקט און כ'האב דערהערט דעם בייזן זאג: „געגאנגען"!

ביי דער טיר, ביים ארויסגאנג־טיש, וואו ס'זיצט דער דיזשורירנדיקער, זיינען נאך אייניקע פארמאליטעטן דערליידיקט געווארן. דער פאליציסט אין אמט ביים טיש האט מיך אנגעקוקט שטרענג, אבער מיט מיר זיך געזעגנט וואוילעריש־פריילעך — דו ביסט טאקע אזא מין מאדנער, אבער מיר זיינען אויך נישט קיין מפיל־קינדער: „דיעלא פא דיעלאם א סוד פא פארמו".

דער שיינער זומער פארנאכט, דאס געדרענג אין די גאסן, די זון־פארברענטע פנימער, די העלע זומער־קליידער; עפעס זעען אלע הייזער אויס ווי פריש־אויסגעווייסטע, ווי אפגעקאלכטע. די גאסן זיינען יום־טובדיקע פריילעך־באריידעוודיקע — וואס ווייטער אלץ מער רוך, טומלדיקער.

מיר ביידע, דער פאליציסט און איך, זעען אויס אין דעם יום־טובדיקן געגיי, אין דעם אהין־אהער־שפאציר פון ביידע זייטן גאס, ווי צוויי וואכעדיקע מענטשן, וואס איילן צוזאם מכוח איין שותפותדיקער זאך, מכוח אן ענין, וואס האט א שייכות נאר צו זיי — זיי גייען דערליידיקן געהיים א שליחות! זיי ריידן נישט צווישן זיך, ווייל אלץ איז שוין געווי אפגערעדט פריער צווישן זיך, אדורכגעשמועסט און זיכער.

דאס געדרענג ווערט נאך ענגער אין די שויפענסטער צעשפיגלטע גאסן! אבער מיר ווערן נישט צעשיידט איינער פון צווייטן. קומט אויס אראפצוגיין פונם טראטואר, גייען מיר אויך ביידע אראפ אין זעלבן מרחק איינער פון צווייטן, און תמיד קומט מיין רעכטע האנט אויס ביי זיין לינקער — און זיין רעכטער הויזן־קעשענע ליג דער רעוואלווער!

די גאנצע צייט ביזן אנקומען צו דער באן־סטאציע האבן איך געשפירט

פונקט ווי כ׳וואלט געהאט א קייטעלע אויף דער רעכטער האנט און ער פירט מיך . . .

אנקומענדיק, איז דער צוג שוין געשטאנען, ווי ער וואלט געווארט אויף אונז. איך ווייס נישט צי ער האט שוין געהאט באן־בילעטן פון פריער צוגעגרייט, צי מ׳האט אונז אדורכגעלאזן, ווייל ער האט געוויזן זיין געהיים־אגענטן בלעכל. אין קופּעע זיינען געווען צוויי רעזערווירטע פּלעצער פאר אונז, איינער קייגנאיבער דעם אנדערן. ווען מיר האבן זיך אנידערגעזעצט, האב איך נאך אלץ געפילט דאס קייטעלע אויף דער האנט . . . כ׳האב מיך ארומגעקוקט און אויסגעדרייט דעם קאפּ צום פענסטער . . .

ווען דער קאנדוקטאר איז צוגעקומען צו אונזער קופּעע, איז ער שנעל ארויס צו אים, מיך צו שוינען, אפנים, פאר די מיטרייזנדיקע אינם קופּעע.

דרויסן, פארן צוג־פענסטער, זיינען פארבייגעלאפן די תבואה־פעלדער „אין שניט־צייט״. פויערים מיט צעבלאנקטע קאסעס פלימערן אין דער זון, הינטער זיי די סנאפּן־בינדערקעס מיט רויטע טיכלעך אין געאייל . . . די הויכע, דראבנע וועגענער — עס רוכעוועט זיך אין דער זון ! א סנאפּ אויפגעשטאכן אויף א גראבליע פליט אין הימל אריין — — איך האב שוין געהאט מיין זשניווע ! האב מיר א טאפּ געגעבן ביי דער בוזעם טאש און נישט נאר די האנט האט זיך באוועגט פריי, נאר אויך אין קאפּ איז מיר פריי געווארן. איך בין מיר נישט נאר קלאר געווארן אין מיין לאגע, נאר די געדאנקען מיינע האבן זיך מיר געבונדן ווי סנאפּעס און אויפגעשטעלט אין שורות —

וואס האב איך דא אין דעם לאנד נאך צו זוכן ? אפשר געזאלט בלייבן ביי מעניר שכוינעפעלד, מיט דעם פוכלע יאלעוקעלע, א זוטאגדיקס אויסגעשטראנצלט ? אדער אפשר אין־הויז־שליכטזינגער מיט אניטיען שטודירן דיכטונג אין גאלד־גליישטע ביכעלעך, שוויינסלעדער געבונדן ? . . . ס׳לענדל איז צו פלאך, צו גלאטיק, מ׳ווערט קעזיק, שטאמבוכיק — פערווערז ! א בינענשטאק מיט א קעניגין : „לא מדובשך ולא מעוקצך״ . . .

די זון זעצט זיך ! זעט זי נישט אויס ווי א גרויסע טרושקאווקע אין סמעטענע ? עס קריכט שוין פון האלז ארויס ! די צוויי יאר זיינען שוין אפשר אויך געווען צופיל — זיך פאשן דא ווי א שטאמבוך־ביק ? . . .

אין דער גרויסער וועלט טוט זיך עפּעס, דא איבער דער גרענעץ שוין, אין נייעם דייטשלאנד : טאקע אויף גרויסן אופן פארלוירן דעם קריג, אבער באזיגט דאס קייזערטום . . . סאציאליזם ! צי אפשר גאר קאמוניזם—די מלחמה האט דאך עפּעס אויפגעטון . . . דא, אין פלאכן לענדל, איז א פלאץ פארן אפגעדאנקטן מאנארך, דא אינם בינענשטאק . . . די דערעקס פארשכורן די נעכט אין די ארעמע הערבערגעס און זינגען „מאיוער פאן דאך, מאי ווער פאן דאך״ . . .

איך פאר יעצט קיין דייטשלאנד, נישט אויסגעסטראיעט אין שווארצן מיט א סימן בערדל, כאטש אויפגענומען צו ווערן ווי אן ערב־רב, קוואקען אן איידעם אויף קעסט — כ׳בין א שפּיטער, א מעלקער ; כ׳האב א פּאר ידיים — כ׳קאן האלטן א שפּאטן אין דער האנט ! די שניט־צייט איז אוועק, קומט יעצט



די קארטאפל . . . סדנא דארע ! נישטא וואס צו זארגן, כ׳בין אן ארבעטער !

די גאנצע צייט פון פארן האבן מיר צווישן זיך קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. איך האב געקוקט דורכן פענסטער און ווי פון אונטער א בלאנקער קאסע זיינען מחשבות געפאלן און איך האב זיי געבונדן אין סנאפּעס־שורות :

און פארוואס מוז ער דען שטארבן ? האב איך מיר געגעבן א טאפּ ביים בוזעם, וואו מיין „שניט־צייט״ איז געלעגן, נומערירט ביז זייטל 128 : דער „העלד״ פארט דאך מיט מיר מיט — דערווייל לעב איך דאך נאך !

דער קאפּ האט אנגעהויבן צו ארבעטן, פארבינדן, פארפלעכטן, פעסט צו האלטן — מ׳מוז נאר האבן די אויסגעארבעטע, די געניטע מוח־מוסקולן נישט אפצולאזן — מ׳מוז זיין א „פּראלעטאריער״ ! דער רעאליזם וועט ווייטער גיין...

איך האב אויפסניי אנגעהויבן צו שפּירן, אז דאס ראנגלעניש מיטן העלד איז א ראנגלען מיט זיך אליין . . . כ׳האב אנגעהויבן ווידער מורא צו האבן פאר מיר . . . דרויסן איז שוין געווען פינסטער, טיפע פינסטערניש, לויפנדיקע פינסטערניש — כ׳האב אבער דעם קאפּ נישט אויסגעדרייט . . .

דער צוג האט זיך אפּגעשטעלט, מיר זיינען געווען ביי דער דייטשער גרענעץ. כ׳האב דערשפּירט א שטויס אין דער קני, אויסדרייענדיק דעם קאפּ, און ס׳ערשטע דערזעען דאס קיילעכדיקע, זון־פארברענטע, פעטע פּנים מיט די בלאנד־ארויסגעדרייטע שפּיציקע וואנסלעך. ער האט זיך אויפגעשטעלט, צוגעווארפן מיר א שפּיציקן בליק — כ׳האב ווידער „דערשפּירט״ דאס קייטעלע אויף דער לינקער האנט . . . און אים נאכגעגאנגען אין שריט.

אראפּגעקומען פון צוג, זיינען מיר נישט געגאנגען, ווי די אנדערע פּאסאזשירן, צום ארויסגאנג, נאר דעם פעראן לאנג ביז מיר זיינען צוגעקומען צו א געזעמל פון ביימער מיט שינעס אדורכגעצויגן אין דער מיט.

ער איז געבליבן שטיין פּלוצלינג און איך מיט אים ! ער האט ארויסגענומען פון בוזעם־טאש א טייסטער און מיר געגעבן א קנאקעדיקן באנקנאט און מיר געוויזן אריבערצוגיין די שינעס אויף דער אנדערער זייט. אויפגעהויבן די האנט און מיטן ווייז־פינגער מיר אנגעוויזן א ליכטיקייט, וואס רייסט זיך אדורך צווישן דעם ביימער געזעמל : „דארט איז דער דייטשער באנהאף, קויפט תיכף־ומיד א בילעט קיין עלבערפעלד און באלד ווי דער ערשטער צוג וועט אנקומען דארטן אויפן פעראן — איינשטייגן !״ דאס אלץ איז ארויסגעזאגט געווארן פליסטערנדיק, אבער זיין שארפער בליק אויף מיר פונקט ווי דעמאלט אין פאליציי־צירקל ביים זאגן מיר דאס באפעלערישע ווארט — „געגאנגען !״

צוקמענדיק צום בילעטן־פענסטערל האב איך פארגעסן דאס ווארט „עלבערפעלד״ ! אבער בשעת גייענדיק איבער די שינעס האב איך מיך דערמאנט, אז דעם זעלבן וועג איבער די שינעס בין איך שוין אמאל געגאנגען דעמאלט, ווען כ׳האב פון דארטמונד געשווארצט די גרענעץ קיין האלאנד — האב איך שנעל, כדי נישט אויפצופאלן, געזאגט, נישט מער צו קלערן :

„ביטע איינע באנקארטע נאך דארטמונד״. א רעשט האב איך געקריגן א פולע זשמעניע מיט פּאפּיר־געלט. כ׳האב שנעל די האנט מיטן געלט ארייננגע־

שטעקט אין הויזן־טאש, גיך זי ארויסגענומען און מיט דער זעלבער האנט גענומען דעם בילעט... אדורך דעם ארויסגאנג און שנעל ארויף אויפן צוג, וואס איז גראד אנגעקומען.

ס'איז געווען דער זעלבער צוג. ער האט זיך אפגעפערטיקט אויף דער האלענדישער זייט און אריבערגעפארן אויף דער דייטשער זייט. די באאמטע, די קאנדוקטארן האבן זיך געטוישט, אבער אין קופע, וואו איך בין געזעסן, זיינען געזעסן די זעלבע פאסאזשירן. די צוויי ליידיקע פלעצער זיינען געווען נישט באזעצט. איך האב מיך געזעצט אויף מיין פריערן פלאץ, דער פלאץ קעגנאיבער מיר איז געבליבן ליידיק.

כ'האב געגעבן א בליק אויפן דופק פון מיין רעכטער האנט און צו מיר אליין שטיל געלאכט: דאס קייטל איז דאך שוין אראפגענומען...

ס'האט נישט גענומען קיין האלבע שעה און דער צוג איז געבליבן שטיין און מ'האט געהערט רופן פון דער פלאטפארם: „דארטמונד! דארטמונד!“ א גערויש, א גערודער, א גרויס־שטאטיש געאייל. א רויכיקער שטויב קרעלט אין האלז, די לופט איז פול מיט סאדזע — כ'האב מיך געפילט היימיש.

א לייכטער פאסאזשיר, די טשופרינע שנעל מיט די פינגער פון איין האנט פארקעמט און מיט דער אנדערער די האר צוגעגלעט, א פרייער מענטש אן געפעק, אן וואליזקעלע, אן מאנטל, אן א הוט אפילו, בין איך אריין אין וואקזאל־בופעט, גענומען א גלאז ביר און מיך אנידערגעזעצט ביים שפיץ־טיש, עלעהיי אין פאליציי־צירקל ארויסגענומען דעם אנגעהויבענעם בויגן־פאפיר, זייטל 128, און גענומען אויספירן דעם לעצטן „לפי זה“, וואס פארבינדט אלע המצאות אין איין חידושדיקן איינפאל און ס'ווערט איין „המשך“ — אבער ס'איז נישט געגאנגען! דער מוח האט נישט פעסטגעהאלטן... עפעס א שרייפל דא, א רעדעלע דארט האט געפעלט און דער געדאנק איז זיך צעפאלן... געקוקט נאך א מאל, איבערגעלייענט נאך א מאל, עס איז — קאפידראך! ס'קלעפט זיך נישט, ס'ארבעט נישט — ס'איז געמלאכה'ט!...

געריבן דעם שטערן, געקנייטשט דעם מוח, ס'גייט נישט, כאטש צערייס דיך — געבליבן זיצן ווי א טויטער. געוואלט דאך ענדיקן דאס זייטל און דער געדאנק דעמאלט, ווען דער פאליציסט איז צו מיר צוגעקומען און מיך איבערגעריסן, איז מיר ארויפגעשוואומען — כ'האב מיך דערמאנט אין חלוץ, וועלכער איז געלעגן אין קדחת־פיבער אויפן מייכעצדיקן, שמאלן שעניקל אין ביליקן האטעלעכל און גענומען שילדערן רעאליסטיש די סצענע און אויסגעלאזן:

„א גאנצן טאג ליגט ער אזוי איינער אליין און קיין מענטש איז נישטא, וואס זאל הערן ווי ער חלשט נאך א טרונק. די טרוקענע, פארפאפטע ליפן באוועגן זיך נאך, די ליימענע צונג ווערט אלץ פארגליווערטער און טרוקענער; זי ווערט אלץ ביטערער און ביטערער, שטייף ווי א שטיק לעדער...

„ביינאכט, ווען חברה זיינען מיט א געפילדער אריינגעקומען שלאפן, האבן זיי אים געפונען א טויטן, א שטייפן, אן אויסגעצויגענעם מיט א פארבלוטיקטן גראבן פינגער צווישן די ציין“.



ווען כ'בין פערטיק געווארן איז שוין געווען גרויסער טאג.

ארויסגעקומען, האבן שוין די פאררויכטע, קוילן־פארשטויבטע גאסן געקלונגען מיט די טראמווייען, פארטויבט די אויערן מיט די נישט־געשמירטע פארזשאווערטע־רעדער; גערוישט מיט ארבעטער־געגיי פון די „שיכטן“ און צו די „שיכטן“ — דארטמונד איז נישט טשעלאדוש, אבער פון די קאפאלניעס ארום און די גורניקעס האט אזא היימישקייט ארומגענומען — קודם לאמיך ארויפגיין צום „הערבערג צום יונג־געזעלן“, אפשר איז נאך עמיצער דא פון אונזער חברה. און ביז וואס־ווען אויבן אפשר טאקע בלייבן און האבן אן אדרעס אויף א ווייל א בריוו צו קענען אהיימשרייבן.

צוקומענדיק צום בערגל, וואו מ'דרייט זיך ארויף צום „הערבערג“, האב איך דערזעען די שאפע, דעם שמאטע־לאגער פון רייכן גאליציאנער, דעם פרעזידענט פון „מיין“ בית־מדרשל: נאך גוט וואס ס'איז נאך צו פרי. פאר די מענטשן טאר איך מיך נישט ווייזן... איך האב גיך גענומען גיין בארג ארויף.

אין „הערבערג צום יונג־געזעלן“ איז קיינער נישט געווען, אחוץ עפעס אן אלט גויעלע, וואס האט געבראקט אלט ברויט אין א טעפל ציקאריע. כ'האב געהייסן מיר אויך געבן אזא טעפל. נאך דער האלענדישער פיינער קאווע מיט סמעטענע האט עס געהאט דעם שווארצן טעם. געבעטן א זעמל מיט פוטער, האט מען פון מיר פארלאנגט א קופאן.

די פרוי הינטער דער טאשעוואניע איז געווען די זעלבע, אבער עפעס ווי אפגעבליאקעוועט, אן קוראזש, שלאבערדיק. זי האט מיך נישט דערקענט, — אן בערדל יעצט און דער גאנצער חולך! — אבער געזען אין מיר, אז איך געהער צו יענע „פאלנישע“, וואס זיינען דא איינגעשטאנען און ס'איז געווען לעבעדיק און לוסטיק דעמלט מיט זיי. זי האט געוואלט אנהויבן מיט מיר א שמועס:

„קאפוט, קאפוט, אלע געפליכטעט, שארלערוא, פראנקרייך“. האט זי געברומט, מיר דאך צוברענגענדיק די זעמל מיט פוטער.

איך האב געוואוסט, אז איך מוז יעצט קומען קיין בערלין. דירעקט פארוואס, האב איך מיר קיין רעכענונג נישט אפגעגעבן. צי ווייל בערלין איז נענטער אהיימצוקומען? כ'האב אבער געוואוסט, אז אהיים מער קאן איך נישט קומען: מיטן אפגאלן מיין בערדל פאר צוויי יאר שבועות זיינען אלע בריקן אהיים אפגעשניטן געווארן...

איך האב פויל געקייט די אלטע זעמל און פאר מיינע אויגן איז געשטאנען דאס פלינקע, פריילעכע בחורל דעמאלט אין בויטן, מיטן קיילעכדיקן קאפעלישל, מיט די כסדר רוקנדיקע ברילן אויף די פלינקע עלוישע אייגעלעך... ער ווייסט אלץ, אומעטום איז ער אויפן פלאץ... געקומען דעמאלט קיין בערלין און שוין געהאט אלע אדרעסן: יא, גרענאדיר שטראסע, גיט עס א בליץ אין קאפ. דעם אדרעס מוז איך פעסט האלטן; כ'וועל נאר דארט אהין קומען... כ'וועל שוין נישט גיין פארלוירן: „גראנאדיר וויינטרויב!“ שמייכל איך צו מיר.

כ׳לאז מיך אראפ פון דער אנדערער זייט בארג, נישט פארבייצוגיין דער שמאטע־שאפע. איך שלענדער איבער די גאסן. די געשעפטן עפענען זיך שוין. ערגעץ אויבן מוז זיין ראטנערס ציגארעטן־געשעפט: איך טאר מיך פאר דעם ייד נישט ווייזן... און ער וועט אויך זיין כשר גערעכט... און בכלל אין דער לאגע און אין מיין הילוך און אויסזעען...

דורכן שויפענסטער זע איך, אז אין געשעפט שטייט די טאכטער. איך פריי מיך זי דערזעענדיק. אן שום שהיות לאז איך מיך אין געוועלב אריין. אין טיר שוין דערקענט זי מיך און דערפריידט זיך:

„הערר שטענצל, אבער א גאסט... א גאנץ אנדערער מענטש... יעצט געפעלט איר מיר... פאר מיין טאטן טארט איר זיך נישט ווייזן... „אייערע פוילישע, אייערע פוילישע״! וואס נאר ווארפן זיי אים פאר אין גאליציאנער בית־מדרשל אייער שבועותדיקע דרשה... אומערהערט!״ דאס לעצטע איז שוין איר אייגענע אויפרעגונג ווען זי האט זיך דערמאנט פון דעמאלט. זי לאזט מיך נישט קומען צום ווארט: „און דאס מיט אייער וויעוויארקע, דאס איז שוין גאר אומדערהערט — חרפות און בושות״.

„מילא, מיך, אבער מיין חבר וויל איך פארענטפערן. הערט איין ווארט. איר, א יונג פריילן, מוז דאך וויסן וואס עס מיינט ליבע...״

„ליבע שמיבע, לאזט יעצט אפ... דער טאטע טאר אייך דא נישט זען. ער קומט באלד פון בית־מדרשל... איר מוזט שוין גיין! ווארט מיך אפ אויפן וועג צו אונז אהיים. איך קום באלד נאך״.

איך וויל מיך שוין אויסדרייען צום ארויסגאנג און זי דערמאנט זיך אין עפעס: „הערר שטענצל, איר ווייסט, אז איר האט דעמאלט ביי אונז עפעס פארגעסן? אייער וועסטל הענגט נאך אויפן זעלבן ארט, אזוי, ווי ס׳האט געהאנגען״.

איך לאז מיך אין דער שמאלער גאס אריין, וואס פירט צו די ראטנערס. צווישן דעם געדרענג האלט דער טראמוויי אין איין קלינגען — כ׳דערמאן מיך טאקע:

גייענדיק שבועות צו מיין דרשה האב איך דאס וועסטל אויסגעטון, נישט ווי כ׳האב געזאגט דעמאלט, אז עס וועט מיר זיין הייס צו רעדן, נאר איך האב מיר געטראכט: ווי קאן איך האלטן א דרשה פאר אן עולם שבת שבועות און האבן געלט ביי מיר. דער פעטער חיימל, פארן אוועקגיין אין טשעלאדזש צו דער גרענעץ, האט מיר געגעבן דאס וועסטל: „טו אן. אין אויבערשטן טעשל איז איינגענייט א גויט־גראשן. אפשר וועסטו אמאל נויטיק האבן״.

איך גיי און לאך צו מיר: ממש א נס מן השמים — ווי פון הימל אראפגעפאלן! עס וועט שוין זיין אויף א בילעט קיין בערלין.

אין דריי שעה ארום בין איך אריין אין טואלעט אויפן באנהאף, אויפגעטרענט דאס וועסטל און דארט איז געלעגן א גאנצער אוצר... אויף א בילעט און נאך מיט א נישקשהדיקן עודף.

**איך האב באלד געקויפט א באנבילעט מיטן נאכט־צוג. קודם איז ביליקער,**



והשנית כ׳וועל מיך קאנען ריכטיק אויסשלאפן און אזוי ווי כ׳האב נאך געהאט א שפאר ביסל צייט האב איך מיך אריינגעכאפט אין וואולפס כשרן רעסטאראן נאך אפצועסן א גוט מיטאג.

* * *

ווי א פארברעכער ציט עס צום ארט, וואו ער איז באגאנגען זיין פארברעכן, אזוי האב איך ביים אנקומען קיין בערלין דירעקט פון באנהאף גענומען מיך דרייען גאס אויס גאס איין צום געסל, וואו איך האב געהאט פאר צוויי יאר מיר געדונגען א שטוב. נאר איך בין נאך אין דער זעלבער נאכט אנטרונען, איבערלאזנדיק דעם שליסל אויפן טיש, שטיל מיך ארויסגעגנבעט און געפארן קיין דארטמונד — די פרוי וועט דאך מיך זיכער נישט דערקענען! און דאס איז דאך געווען אזא דירהלע, וואו מ׳קאן וואוינען אפילו נישט איינגעמאלדן —

אין מיין קאפ האט געברענט איין געדאנק: איך מוז האבן אן אדרעס. אין דער היים גייט מען דאך אויס נאך א בריוו פון מיר. שוין חדשים ווי כ׳האב נישט אהיימגעשריבן — ס׳איז דאך א פארברעך! דער טאטע, די מאמע...

און ווי איך גיי אזוי איבער דער אראניענשטראסע און ארום דעם האקישן מארק, ערגעץ־וואו דארט נישט ווייט געפינט זיך דאס ליקל, קומט מיר אקעגן א טרויעריקער מענטש, מיט א פארביסן, א הארט־פארעקשנט מויל, מיט רויט־געלאמעוועטע, אנגעשטרענגטע אויגן, מיט הענט ווי זיי וואלטן זיך געביילט, זיך באוועגט צום פעסטן שריט. קאפ שטראסע, ערגעץ דא! טראכט איך.

דער מענטש קומט אלץ נענטער צו. נישט רייך אנגעטון, אבער זויבער און ריין צוגעביגלט, פארגלעט; אלץ ווי צוגעפאסט און צוגעשניטן צום גרויס־שווארצן קינסטלער־שניפס... פון אונטער א ליטערארישן קאפעלוש — לאנגע, שווארצע האר און דאס געשפיצטע בערדל נאך שווארצער. — עפעס אלץ אין דעם מענטש ווירקט ווי שטייף־צוגעשפיצט און הארט — געמאכט, פאזע.

נאנט צוקומענדיק, גיי איך דירעקט צו אים צו, זיין פעסטער שריט בלייבט שטייפלעך שטיין, ווי איבערגעהאקט אין דער מיט, און זיינע אויגן קוקן אויף מיר שארף און קרענקלעך, און איך פלאץ ארויס: „איר זענט א יידישער שרייבער?״

זיין מויל וויל א שמייכל טון און ס׳עפנט זיך ווי א בלוטיקע וואונד, די אויגן — טרויעריק ווי געוועזן: „וואס איז דען?״ פון איין זייט פארוואונדערט און פון דער אנדערער זייט הנאה האבנדיק וואס איך האב דערקענט אין אים דעם שריפטשטעלער, איז דאס קול דאך א פריילעכס: „מיין נאמען איז שמואל לעווין, און ווער זענט איר?״

אינם מטעים זיין נאמען און ביינאמען איז שוין געווען די באשטעטיקונג פון דעם געפרעגטן און אין דער פראגע, „ווער זענט איר?״ איז שוין די פראגע נישט נאר פון מיין נאמען, נאר **וועלכער זענט איר, וועלכער שרייבער...** זאגט מיר נאר ווי איר הייסט, ווייס איך שוין ווער איר זענט...

„איך האב נאך גארנישט אפגעדרוקט, אבער דאס־א״, איך טאפ אן דאס

בערגל איבער מיין בוזעם טאש, ווי דארטן וואלט געלעגן א גרויסער, אנגעשוואלענער טייסטער: „איז די זשניוועֿ פון מיינע לעצטע חדשים“.

דער ענטפער איז אים גאר געפעלן — ער איז זיך פארגעקומען ווי ער איז טאלסטאי און פאר אים שטייט דא דער יונגער גארקי! — און זיך באלד געפילט מיט מיר ברידערלעך אדער אפשר האט ער געוואלט פילן אין מיר אן אח לצרה — זיין פנים איז ווידער געווארן איין שטיק עקשנות און פארגליווערטע ביטערקייט:

„קומט מיט מיר, לויטן יידישן דין טאר איך אייך אפילו קיין „שלום עליכם“ נישט געבן — איך בין אן אונן! איך גיי יעצט צו דער חברה־קדישא פארמאליטעטן צו דערליידיקן; א מיידעלע א טויטס, און ס'מוז קומען צו קבורה“.

איך בלייב שטיין צום צייכן און רייס אויף א פאר פארגאפטע דערשראקענע אויגן: די פאלטן אין זיין פנים ענדערן זיך, איבערלייגן זיך:

„איר ווייסט דאך א טאטע וויל האב א מיידעלע. מיין פרוי איז געלעגן געווארן און געהאט א מיידעלע. איז עס א טויט קינד...“ זיין טרויעריקע שטימע איז געוועזן הארט, ווי געוואלט מיט כוח זיך באהערשן.

„קומט מיט מיר מיט, כ'וועל דערליידיקן די נויטיקע פארמאליטעטן. ביים אהיימגיין וועל איך אייך אריינפירן אין א שטוב און איר זענט שוין אין דער היים... איר געפעלט מיר, חבר... גאט, גראד אין אזא צושטאנד“.

מיר זיינען צוגעקומען איז נאך געוועזן צו פרי; ס'וועט ערשט געעפנט ניין אזייגער, און אצינד איז נאך נישט קיין אכט.

ער האט כמעט נישט איבערגעריסן דאס ריידן. קוקנדיק אויף דעם חברה־קדישא שילדל אויף דער וואנט, זאגט ער: „ביי מיר אין שטוב איז יעצט חושך... מיין ווייב וועט עס גארנישט אויסהאלטן“.

איך בין געבליבן ווי פריטשמעליעט, נישט געוואוסט וואס אנהייבן צו זאגן. איך קוק אויף אים — איך זע א צעקנייטשט איינגעשרומפן פנים, ווי אן אויסגעשניטענע מאסקע... פלוצלינג הער איך ווי ס'דעקלאמירט:

„ווייסט איר, מיר זיינען דאך שרייבער. מ'מוז קאנען שטיין נישט נאר איבערן לעבן, נאר אויך איבערן טויט — מ'מוז זיין כאראקטער שטארק!“ כ'האב געזען ווי די הענט באוועגן זיך אים עקשנותדיק, שטייף: „מ'מוז דעם מלאך המות אנגעמען ביים גארגל, אז נישט כאפט ער אייך אן... א שעה צייט לאמיר זי אויסנוצן! ווייזט נאר אייער ,זשניוועֿ'. לאמיר נעמען א פרואוו און אריינבייסן“.

כ'האב ארויסגענומען צוויי פעקלעך פונם בוזעם־טאש, די אנגעשריבענע פאליציי פארמולאר־בויגנס און א צווייט פעקעלע, א קלענערס, צונויפגעוויקלט פון פארשיידענע שמוציקע און צעקנייטשטע שטיקלעך פאפירלעך:

„דאס איז א ראמאן, אקארשט פערטיק געמאכט, „אין שניט־צייט“ און דאס זענען ים־לידער, געשריבן אין די לעצטע וואכן“.

ער איז שוין געשטאנען צוגעלענט צו דער וואנט, דאס פנים שטרענג, קאנצענטרירט, פארעקשנט. דער שטערן באוועגט זיך, פעלדלט זיך, די אויגן



לויפן פון שורה צו שורה, די דין־פארביסענע ליפן באוועגן זיך, ווי זיי וואלטן ארויספילן א הנאהדיקן טעם. פלוצלינג ווי זיי וואלט זיך קרענקלעך אויסגעבויגן:

„קומט!“ האט ער א געשריי געטון, א באשלוס פאסנדיק ווי אויף א באפעל: „זאלן די טויטע די טויטע באגראבן! איך וועל נאך פאר ניין אזייגער צוריק דא זיין. עס איז נישט ווייט פון דא, די דריטע גאס“.

ער קוקט מיך פריינטלעך אן, אבער די אויגן זיינען טרויעריק און די ליפן באוועגן זיך, ווי אן אפענע וואונד: „איר האט ריכטיק געזאגט, ,זשניוועֿ'! קומט!“ איך קוק אים אן און מאדנע: ביי זיין גאנצן עקשנותדיקן ערנסט שפירט זיך פאזע... ווירקט דאס זיין הלבשה?... גלאט־צוגעגלעט, צוגעביגלט... און די לאנגע האר, ווי צוגעקעמט פארן שפיגל...

מיר זיינען געגאנגען. ער מיט פעסטן טריט און איך האלט שריט נאך אים. כ'האב געזען, אז די זאכן זיינען אים געפעלן, אבער פריילעך ווערן האב איך דאך נישט געקענט. כ'בין אים נאכגעגאנגען ווי א סאלדאט נאך א פעלדפעבל, ווי אן אומבאהאלפענער סטאטיסט נאכן סטארן צו דער בינע...

ער האט זיך אפגעשטעלט פאר א הויז מיט אן אפן פענסטער אויפן ערשטן שטאק און מיטן זעלבן, הארטן, אנטשלאסן־באפעלערישן טאן, ווי ער האט געזאגט צו מיר „קומט!“, האט ער ארויפגעשריגן: „העלא!“ א מיידליש שיינער בלאנדער קאפ איז צום פענסטער צו געקומען, און נאך איידער דאס מיידל האט אונז געקענט זען, האט ער ווייטער מיטן זעלבן רעפליק־טאן הארט געזאגט: „העלא! מאקס איז דא? מרדכי איז דא? זאגט אים על זאל ארונטערקומען, כ'מוז אים זען, תיכף־ומיד“.

## אין א טבת - טאג

די טויבן אין מיין געסל,
וואס ברייזעלעך דא געקליבן,
האט דער שארפער בייזער ווינט,
מיט א קאלטן ברום פארטריבן.

טרויעריק אין מיין געסל,
אין מיין שטוב נישט אויסצוהאלטן:
א מרוקעוואטע פנים —
מרה־שחורהדיקער באלטן.

דאס עלעקטרישע לעמפל.
קוקט אלץ פינסטערער און טריבער:
זארג נישט מיין ליבער, זארג נישט,
נאך א ווייל און אלץ פאראיבער.

## וואריאציע

איבערצווארטן דעם ווינט,
דעם הארטן, שנייאיקן קאלטן,

האבן זיך טויבן א פאר,
אונטער קראנקווע דא ווו באהאלטן.

זיי טוליען זיך ווארקנדיק,
די אייעלעך אויסצובריען,
מיט די יינגע טייבעלעך,
די זון אקייגנצופליען.

אין מיין געסל די טויבן,
וועל ווידער ברעקלעך קלייבן;
איך אין מיין שטיבל דעמלט,
צי וועל איך נאך לידער שרייבן?

## א שניי - ליד

פאר די טרעמפס דרויסן

אונטער זיי איז אייז געגלי,
און איבער זיי שניי געשיט;
זיצן זיי בחברותא,
פארשנאשקעטע אין־דער־מיט.

הונגעריק — זינגט זיך א ליד!
אלע העלפן פריילעך מיט;
ס׳ווערט דער הימל איבער זיי,
אן עפל־בוים פול מיט צוויט.

ווי נאריש אויסגעניכטערט!
פארביסן מיט א ביסקוויט,
א טעפעלע טיי כ׳טרינקט, כ׳הער:
פון קעלט ציטערט שויב אין קיט.

מורא כ׳האב איבער דער שוועל,
ארויסצושטעלן א טריט;
ווי נישט איז, פול איז דער בויך,
פארבענקט שרייב איך א ליד: „צוויט".

וואס ברויכן זיי? א פלאש ספירט!
א יום־טוב — קאַפּ אקאוויט!!
און איך? אז כ׳שרייב אן א ליד,
בין איך מיט גאט און מענטש קוויט —

א ווינט, א וויסטע וויגע,
הירזשעט אן אין ווילדן ריט



גריווע־געפלאש — ווייסער שניי,
און איך און זיי — זאלבע דריט;

זע, ערגעץ־ווו די זון איצט,
רויט־צעגליט, הויך אין צעניט.
און אן עפל־בוים צעצווייגט,
פריש צעבליט אין ווייסן צוויט.

## ווינטער - פארזיי...

א שניט איז געגאנגען איבערן גאנצן פעלד,
קיינער געבונדענע סנאפעס נישט אויפגעשטעלט;
שטורעם־ווינטן דרעשן די צייטיקע זאנגען,
די זשארנעס וועלן פוילן נישט אויפגעגאנגען.

אז צופארזייען זיי עס איז קיינער נישטא,
זיינען די נעכט חושך־שווארץ, די טעג פינסטער גרא;
ס׳וועט רעגן פארשווענקן דאס שטרוי מיט די קענער,
א באמיסטיקונג פאר די קזשאקעס און דערנער.

צי ברויכן נאך די טויטע דאס טעגלעכע ברויט?
פון קזשאק אין פון דארן וועט זיך פלעכטן א פלויט,
ארום א מתים־פעלד, א ברייטן, א לאנגען, —
מיט זיינע שפיצן די בליצן צו דערלאנגען.

אויף וויינענדיקער ווערבע וועט שטיין שווארצע קרא,
שרעקן לערן ארום: קרא, קרא, קרא — קיינער נישטא!
קייגנאיבער, אויפן בערגל, א פארשעמטע,
די ווינטמיל מיט הענט פארבראכענע, געלעמטע.

ווער ברויך אויף וויסטן שיידוועג דעם נאקעטן קרייץ,
אז די תבואה־פעלדער באוואקסן מיט ווילדן ווייץ?
די שטראשידלע שוין נישט נויטיק מער פאר קיינעם —
נישטא קיין צעווישן פון מיינעם און דיינעם.

## ניטל - 1966

צי ס׳איז געמאלט בלויז דאס, וואס זיי זאגן?
אבער ווי זיי האבן אים אויסגעמאלן:
דאס גאנצע בלוי פון הימל אין זיין בליק,
גרין־געטובלט אין טוי־זאפטיקסטע טאלן.

בלויז דאס רויט וואו האבן זיי גענומען?
אונזער בלוט די אלע הונדערטער יארן!

אין אונזער געיידישט, פארגאסן בלוט
ווערט ער פונסנייע אין יעדן דור געבארן.

דעם אבער פון אונזער דור וויאזוי,
אפשר גאנץ און גאר אין רויט אים אויסמאלן?
צי גאר אייזן געברענט, בראנז געגאסן,
מיט אויגן שארף־געשליפענע און שטאלן?

אז אזויפיל בלוט אומזיסט פארגאסן,
און געברענט אויף אזויפיל שייטער־פלאמען,
ביז צום הימל ארויף ס׳וועט דערגרייכן
דאס אש בלויז, ווען מען זאמלט עס צוזאמען.

יא, דער אייביקער, איין און איינציקער,
וואס קיין שום מענטש קאן זיך אים נישט אויסמאלן,
ר׳איז געגאסן פון מענטשלעכע טרערן,
יעדן נאך זיין פארדינסט שכר צו באצאלן.

„קו לקו צו לצו“ — ווי עס ציילט זיך:
א שטריכל, א קנייטשל אויף האר געוואויגן,
יעדער ריר, יעדער באוועג, מינדסטער בויג,
א צוק מיט וויע, א וואונק מיט די אויגן.

די וואג פון געטלעכער גערעכטיקייט,
וועלכער מענטשלעכער מוח קאן זי אויסמאלן?
אז ס׳צאפלדיקע הארץ איז דאס צינגל
איבער די וועגנדיקע צוויי וואג־שאלן.

ביז ס׳וועט דער בן־אדם נישט אויסקריצן
דעם צלם־האלקים אויף זיין שטערן;
ביז דאס פינסטערע פנים פון דער ערד
א שיינענדיקער שטערן ליכטיק ווערן —

בלויז צי איז דאס געמאלט, אז ס׳וועט אמאל?
אז אומעטום רק שרעק־שאטנס זיך מאלן!
יא, בלויז אייביק בלייבט גאט און אומענדלעך,
ווייל אומענדלעך דאס מענטשלעכע יללהן.

## א קליינטשיק ליבע לידעלע

ביי יעדער ריר פון מיין טיר מיין איך:
ווי גיך געפלויגן ביזט אנגעקומען — —
נאך גוט וואס גאט ליבט מיך אויך נישט מער,
ר׳וואלט דאך מיך צו זיך ארויפגענומען...



## א הימען צום לעבן...

אוועקצוגיין פון דאנען דאס־א גראד,
איז שוין דווקא נישט אזא גרויסער שאד;
אבער דא האט מען כאטש אין מויל דאס ווארט!
צווישן יענע ראטן און ווערעם דארט — —

דא מ׳באגראבט זיך און אליין מ׳ליגט אין דר׳ערד,
בלויז מיט אלע צוזאם באגראבן מ׳ווערט — —
דא א לעצטע האפענונג דא — דער טויט,
אבער דארט — א גרויל גייט איבער די הויט.

אז פול ס׳הארץ, אויפן לעבן מ׳גיט א שפיי,
און — מ׳הייבט אן צו לעבן אויף דאס ניי;
אז ס׳איז שוין גאר ביטער — מ׳ווינטשט זיך דעם טויט!
וואס זיך ווינטשן, ווען מליגט שוין אונטער פלויט?...

## סילוועסטער

דאס קומענדיקע יאר,
וואס וועט עס אונז ברענגען,
וועט גאנצער ערד־קיילעך,
אין שפין־געוועב הענגען,
אראפפאלן און אויס?
די „גראדן“ און „לענגען“,
איבער גלאבוס־ערד שוין,
אין לעצטן אנשטרענגען.

זייגען מיר דען אנדערש,
אין געוועב די שפינען,
וואס זייער גאנצע מי
און טראכטן און זינען:

אויסנאגן דעם נאנטסטן,
בעסטן וועג געפינען?
א, מענטשלעך צו טראכטן,
מ׳קאן אראפ פון זינען.

ווי קורץ־אטעמדיק שוין,
קוים מיך נאך צו האלטן,
ווי שורה מיינע איצט,
אין די שטערן־פאלטן;
כ׳הייב אויף מיינע אויגן,
שכורלעך צום באלטן:
ערגעץ מוז דאך ווער זיין,
קאנען אויסצוהאלטן.

## 1967

ס׳איז דער לעצטער ווינטער פון מיין לעבן,
די איבריקע וועלן שוין געשענקטע זיין;
ווער ברויך זיי? „שונא מתנות יחיה“!
זאל נאר דער לעצטער נאך זיין אינגאנצן מיין —

א לאשעק איינגעשפאנט אין א שליטן,
שוויים־צעפארעט צעקלינגט אין פריילעכן לויף —
יאגן מיט מיין לעצטן יאר בארג אראפ,
ווי מיט אלע מיינע יינגע בארג ארויף.

געפסקנט להלכה אז דער ערשטער טאג אין חדש תשרי איז דער אוניווערסאלער ראש השנה און דער יום הדין פאר אלע מענטשנקינדער. אבער אדם הראשון האט איינגעפירט צו פייערן דעם קאלענדאס ניי יאר צו דאנקן דעם אלמעכטיקן און זיינע קינדער האבן די פייערונג פארוואנדלט אין א חגא צו עבודה זרה. (ירושלמי עבודה זרה פ״א ה״ב, בבלי עבודה זרה ח׳)

פאקטיש געפינט מען צוריק אין די באשרייבונגען פון דער אלטער רוי־מישער רעליגיע ווערט פון ערשטן טאג אין חדש ניסן געציילט דאס צווייטע יאר פון זיין קיניגן, אזוי איז אויך דער חדש ניסן דער ערשטער חדש פון יאר פארן פעסטשטעלן פון ימים טובים. (שמות י״ב) דער ערשטער טאג אין חדש אלול איז — „ראש השנה למעשר בהמה“ — אנפאנג יאר פאר שטייער פון בהמות. דער ערשטער טאג אין חדש תשרי איז — „ראש השנה לשנים לשמיטין וליובלות“ — אנפאנג יאר פאר ניט־יידישע מלכים, פאר שמיטה און פאר יובל. און אין חדש שבט איז — „ראש השנה לאילן“ — אנפאנג יאר פארביימער. (ראש השנה פ״א מ״א)

וועגן דער דאטע פון „ראש השנה לאילן“ איז א פלוגתא אין דער משנה, די בית שמאי זאגן — מען זאל ציילן דאס יאר פון ערשטן טאג אין חדש שבט און די בית הלל זאגן — פון פופצענטן טאג אין חדש שבט. מע דארף וויסן אז דאס זוניאר איז פארטיילט אין פיר תקופות אדער סעזאנען. די פיר תקופות זענען פרילינג, זומער, הערבסט און ווינטער, לויטן קריסטלעכן קאלענדאר, וואס איז א זוניאר צייט רעכענונג, פאלן די תקופות אויס יעדעס יאר אין דער זעלבער דאטע, די תקופה פון ניסן, אדער פרילינג איז שטענדיק דעם זיבעטן אפריל, די תקופה פון תמוז אדער זומער דעם אכטן יולי, די תקופה פון תשרי — הערבסט דעם זיבעטן אקטאבער און די תקופה פון טבת — ווינטער דעם זעקסטן יאנואר. אנדערש איז, אבער, לויטן יידישן קאלענדאר, ווייל דאס יידישע יאר איז צונויפגעשטעלט פון לבנה חדשים און אין יעדן ציקל פון ניינצן יאר זענען פאראן זיבן עיבור יארן — פון דרייצן חדשים, פאלן אויס די תקופות יעדעס יאר אין אן אנדערע דאטע. איז אזויווי די תקופה פון טבת אדער פון ווינטער פאלט אויס אין געווענלעכע יארן, די ערשטע דריי וואכן פון חדש טבת, און אין א עיבור יאר, די לעצטע וואך פון טבת ביז די ערשטע וואך אין חדש שבט, האבן די בית שמאי געפסקנט אז דער ראש השנה לאילן זאל זיין אכט טעג נאך דער תקופה פון טבת אין געווענלעכע יארן — דעם ערשטן טאג אין חדש שבט, און די בית הלל האבן געפסקנט אז דער ראש השנה לאילן זאל זיין אכט טעג נאך דער תקופה פון טבת אין עיבור יארן — דעם פופצענטן טאג אין חדש שבט.

דעם איצטיקן יידישן קאלענדאר־ראש השנה, פון ערשטן טאג אין חדש תשרי, האט ערשט רב איינגעשטעלט ארום הונדערט און פופציק יאר נאכן צווייטן חורבן. ער האט אנגענומען די פריער ציטירטע מיינונג פון רבי אליעזר אז די היינטיקע ציוויליזאציע האט זיך אנגעהויבן אין חדש תשרי און דערפאר איז לויט אים דער ראש השנה א קאסמאפאליטישער אנהייב יאר און א יער־לעכער יום הדין פאר אלע מענטשנקינדער. ווי ער זאגט אין דער איינציקער משנה וואס איז אין זיין נאמען געשריבן געווארן — „בראש השנה דעם קלון־דיאס אלץ א חגא לכבוד דער באנייונג פון דער זון נאך דער תקופה פון טבת אדער דעם זעקסטן יאנואר. בילדלעך, ווערט די חגא פארגעשטעלט אין געשטאלט פון א יונגעמאן האלטנדיק אין איין האנט די ציפער פון דריי הונ־דערט און אין דער צווייטער האנט די ציפער פונפאונזעכציק, וואס וויל זאגן — דער אנפאנג פון דריי הונדערט ארבעטס טעג און פינפאונזעכציק חגאות פון רוימישן יאר. דער נאמען פון בילד איז לויט דעם רוימישן פאלקלאר



„יאנוס“ אדער „יאנובאריס“, ער זאל האבן געווען דער גרינדער פון רוים און די געטער האבן אים ארויפגענומען צו זיך אין הימל לעבעדיקערהייט צו זיין דער משגיח איף דער גאנצער וועלט, אונטער דעם נאמען „עאנוס“... (לאמפדיערס קלאסישער ווערטערבוך — „יאנוס“יי

די אידיי איז ענלעך צו דער פאלקלאריסטישער אידיי פון די בעלי קבלה, או „חנוך“ — כי לקח אתו אלהים“ — איז לעבעדיקערהייט געווארן ארויפ־גענומען צום אלמעכטיקן צו זיין דער משגיח איף דער גאנצער וועלט. (ספר הקנה כ״ט, ספר הפרדס שער כ״ג) וואס באשטעטיקט דעם אויספיר פון רב, אז דער יום טוב איז א אלטער אדם הראשון האט געמוזט האבן איינגעפירט צו פייערן דעם קלון — דיאס יום טוב צו דאנקן דעם אלמעכטיקן און זיינע קינ־דער האבן דערפון געמאכט א חגא צו עבודה זרה.

וועגן דער פארהייליקונג פון „קלון־דיאס“ אדער „קאלענדאס יאנובאריס“ געפינט מען אויך פארצייכענט אין תלמודישן פאלקלאר, אבער אין א מער ראציאנאליסטישן אופן. שמואל דערציילט אין תלמוד ירושלמי, אז די רוימער האבן יארן לאנג געפירט מלחמות קעגן די מצריים און איינער האט דעם צווייטן ניט געקאנט מנצח זיין. האבן זיי אפגעמאכט צווישן זיך אז יעדער פון זיי זאל נאפעלן א סאלדאט פון זיין ארמיי צו דערשטעכן זיך מיט דער אייגענער שווערד, וועט די מלוכה, וואס דער סאלדאט וועט אויספירן דעם באפעל, דערקלערט ווערן אלץ דער זיגער. האט דער רוימישער סאלדאט זיך דערשטאכן און דער מצרישער ניט, איז רוים געווארן די באהערשערין פון דער וועלט. דער נאמען פון רוימישן סאלדאט איז געווען „יאנובאריס“, האט אים דאס רוי־מישע פאלק פארהייליקט מיט אנרופן דעם ערשטן חדש פון יאר יאנואר און די אנדערע חדשים מיט די נעמען פון זיינע זין. (ירושלמי עבודה זרה פ״א ה״א).

דערפון איז צו זען, אז דאס קריסטלעכע יאר איז קאפיערט געווארן פון רוימישן און צוזאמען מיטן איבערנעמען פון רוים די נעמען פון די חדשים האט די קריסטלעכע קירכע אויך איבערגענומען די רוימישע חגא פון גאט־מענטש, וואס ווערט געפייערט נאך דער ווינטערדיקער אומווענדונג. אליין נאר אין יידישן קאלענדאר איז דער ראש השנה פון חדש שבט געבליבן אזוי ווי דער ערשטער ערדארבעטער — אדם הראשון האט מתקן געווען...

אהרן ווערגעליס

## ווו איז דער מענטש בא לעוויטאנען

ווו איז דער מענטש בא לעוויטאנען?

א גרויער וועג — מיט איינזאמקייט געבענטשט...
באם ברעג פון טייך בערעזעס טונקלע וויאנען...
א פערד, געשפאנט אין שליטן — אן א מענטש...

ניטא קיין מענטש בא לעוויטאנען.

איך גיי פארטראכט אין מאלערס וועלט אריין,
און גלייך דערפיל איך, אז די פרייד, די פיין,
וואס אויסגעגאסן ליגט דא אף דעם רחבות,
דער אומעט און דער גלויבן און דער טרוים —
זיי קומען פון דעם מענטש און פון זיין תכלית,
כאטש זעען זע איך זיי צעגאסן בלויז אין רוים...

---

צום נפטר ווערן פון פרוי פרידע גאלדמאן דריק איך אויס מיין טיפן מיטלייד צו די קינדער פון דער פארשטארבענעם.
סעדי שעני

## צו אהרן ווערגעליס באזוך אין לאנדאן

קודם־כל מוז מיר ווערגעליס מוחל זיין די אותא קלילא, וואס כ׳בין מוסיף ביי זיין נאמען. אויף די ה וואס גאט האט צוגעלייגט צו אברהם אבינו׳ס נאמען, האט מען אזויפיל דרשות געזאגט, פשטלעך מחדש געווען, געשריבן קבליתטישע מאמרים, — כ׳וועל נישט זאגן בעסערע — אבער שענערע ווי אונזערע ביידנס ליד׳ער.

אגב : די סוף־אותיות „שצופים אמרו״, די „ם. וס שבלוחות בנס היה עומדים״ האט איר דאך מקבל געווען, איז ווען וועט איר שוין אננעמען אונזער אלעמענס אויסלייג, אז דער נס יידיש זאל שוין זיין א גאנצער ? הייליק אויסגעלייגט ליגן מיר אין דעם אייביקן אויסלייג!

עד כאן דער אקדמות־מילין „איידער כ׳הייב אן צו ריידן״ — כ׳מיין די פאר ווערטער אויפשרייבן איבער ווערגעליס׳ אויפגערודערטן באזוך אין אונזער יידיש־פארנעפלטן לאנדאן.

ס׳ערשטע מאל אים געזען אין ארבעטער־רינג, ביים קבלת־פנים־גלעזל־טיי לכבוד דעם חשובן גאסט, דעם יידישן פאעט, און דעם רעדאקטאר פון „סאוויעטיש היימלאנד״. נאך יארן אין יארן גרויע וואכעדיקייט וואס פארשפינט מיט א לאנדאנער נעפל דעם יידישן ארבעטער־רינג, האט זיך געפילט א יום־טובדיקייט, א חבריש־היימישע אטמאספערע, די פנימער געשטראלט ; אין מאנכע אויגן האבן זיך טרערן געוויזן, זיך דערמאנענדיק אין יענער אויפנאמע לכבוד איציק פעפערן און שלמה מכאלס — א טייך בלוט פליסט דעצווישן !

די ארבעטערטוער זיינען געווען שטאלץ מיט זייער גאסט און ער מיט זיי : „גאטעניו, ווארף מיך ווי דו ווילסט, נאר פאלן זאל איך צווישן אייגענע״.

אויפן קאקטייל־צונויפקום פון די יידישע שרייבער „און זשורנאליסט, ווען ער האט חריפיסדיק געענטפער אלע פראגן, אפילו די אינטערשטעלטע מיט א חזיר־פיסל, איז ער מיר פארגעקומען, ווי יענער חריף וואס פאלט אריין אין בית־מדרש : „בחורים, פרעגט א קשיא איך האב א תירוץ״... און ווען ער האט זיך יידישלעך צעפלאשעט מיט זיינע תרוצים, האט זיין צעשויבערטע, אזוי „כארשא״ צוגעגלעטע טשופרינע, באקומען דעם אמאליקן מארקיטן חן, כאטש זיינע איז כולה בלאנד און שוין א ביסעלע פליכעוואטע...

יא, ער האט פארענטפער אלע הארבע קשיות, אבער אויפן ריכטיקן תיק״ו ווארטן מיר נאך אלע אויפן אמתן תירוץ און ער מסתם מיט אונז : אליהו הנביא זאל קומען און ס׳זאל זיין „והשיב לב אבות אל הבנים ולב בנים אל אבותם״, ווען די ריכטיקע גרויסע גאולה וועט קומען פאר אלע מענטשן קינדער, אן שום אויסנאם און מעלה־גירהדיקע קשיות ווען ממילא זיין פארענפערט...

אין זיין לעצטן אוונט אינם הויז פון א אינדישע בודיסטן, (נישט חלילה וחס פארטווישן מיט יידישע בונדיסטן). ווו כ׳האב פארלאזט דעם זאל — כדי נישט אנצוטון אים די חרפה און מיר, אז מ׳זאל מיך מיט צוואנג ארויספירן.

ווי שיין וואלט געווען א געזעגן־אוונט : א יידישער סאוויעטישער פאעט לייענט יידישע לידער פאר לאנדאנער יידישע סטודענטן (ס׳גאנצע „הלל הויז״ האב איך געזען אין זאל) — צי ברויך מען דען צו פארשטיין, אז די האפערדיקע פרייד טאצט פאר די אויגן ; א מינוט שוועבנדיקע אויף יידישע פערזן... איז אבער דאס יידישע פנים, די יידישע צורה — די יידישע יצורה ! — פארשעמט געווארן, ווייל יידישע אסילאנטן (נישט נאר אין „בארד אפדעפיטיס״ זיינע דא אזעלכע, אויך צווישן די לינקע קרייזן) — זיי קרייזן אזוי ענג דעם כשוף־קרייז, ביז די יידישע יצורה חלילה אינגאנצן דערווארגן און אויסגעמעקט.

יא, איך האב נישט „אויסגעהאלטן״ ! און צי האבן בערגעלסאן, האפשטיין א.ד.א. אויסגעהאלטן, ווען זיי וואלטן געווען „אויסגעהאלטן״, וואלטן זיי געווע אסימילאנטן.

אן אסימילאנט דאס איז פאר מיר ערגער פונם א משומד ; א משומד קאן מען געבן א שפיי אין פנים (אזוי איז דער דין א משומד מוז מען געבן חלוצה). אן אסימילאנט ווילט זיך אפילו נישט א כראקע געבן אינפרצוף אריין, ווייל מיט זיין נבזהדיקייט וויל ער צעשטערן די יידישע צורה און די יידישע יצורה.

איר זעט חבר אהרן ווערגעליס איין אות מ׳לייגט צו, איין קליין יידעלע און פון צורה ווערט יצורה, ערשט אז מען לייגט צו, צו א יידישן נאמען דעם ה. דעם אותא קלילא מיט וואס גאט האט די וועלט באשאפן.




# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 3־422) אכט און צוואנציקסטן יאר פעב.־מער. לאנדאן


א י נ ה א ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| „ואל היהודים ככתבם וכלשונם״, צייט און פורים לידער | ** | 1 |
| פורים־פאלקלאר (עסיי) | י ריכטיגער | 11 |
| כותל מערבי (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 19 |
| דער גורל פון א פליג (הומארעסקע) | משה בעקערמאן | 20 |
| אין הוילער באוואנדערונג (ליד) | שמואל ווהייט | 22 |
| א וידוי אין וואגן (דערציילונג) | יוסף ד. באסט | 22 |
| דער וועג פון א דיכטער (ליד) | עלא זילבערג | 34 |
| די אויגוסט שטראסע (א קאפיטל פראזע) | א. נ. שטענצל | 35 |
| א שמועס (עסיי) | א גאלאמב | 44 |
| הענריק ערליך און וויקטאר אלטער | מאיר באגדאנסקי | 48 |


### דערווארשעווער געטא - אויפשטאנד

זונטיק דעם 16טן אפריל אין אדלער הויז, אדלער סטר. 3 א זייגער.

**רעדאקציע - נאטיץ** : די קולטור־ידיעות און די ארטיקלען צום 75 געבוירן יאר פון דר. שלמה בירנבוים פון דר. מאיר גערטנער און שמעון אבראמסקי אין קומענדיק אפריל נומער, און אויך דאס ארטיקל פון מאיר צעלניקער איבער „פידלער אויפן דאך״.—ד.ר.

### דר. שלמה בירנבוים צו זיין 75סטן געבוירן יאר

דעם באוווסטן שפראך־פארשער און יידיש־וויסנשאפטלער, דר. **שלמה בירנבוים**, ווינטשן מיר נאך לאנגע לאנגע יארן אנציגיין מיט זיין וויכטיגער ארבעט — עד מאה ועשרים.

לשון און לעבן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*